STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03275

www.libtool.com.cn

# YITSHAK LEYBUSH PERETS

Joel Entin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG
www.libtool.com.cn

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

www.libtool.com.cn

# יצחק לייבוש פּרץ

## דער שענסטער טעמפּל-זייל פון דער נייער אידישער ליטעראַטור

פון

יואל ענטין

אַרויסגעגעבן פונם

אידיש נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד

ניו-יאָרק 1952

www.libtool.com.cn

געדרוקט ביי די ברידער שולזינגער

www.libtool.com.cn

# אינהאַלט:

אַריינפיר ........................................ 4
פרץ׳ס רייזע אין דער צייט ........................ 7
פרץ׳ס פּאָעזיע .................................. 10
דער מכשף פון פּוילן .............................. 18
פרץ׳ס מעשה׳לעך ................................ 27
פרץ׳ס חסידישע מעשות און פאָלקסטימלעכע געשיכטעס ........ 33
פרץ׳ס פעליטאָנען ................................ 42
פרץ׳ס דראַמעס .................................. 46
דער סוף ........................................ 49
**דעקלאַמאַציעס און פאָרלעזונגען** ........................ 52

**פרץ׳ס לידער מיט נאָטן**

אַראַנזשירט פון וול. חפץ

אַלע מענטשן זיינען ברידער ........................ 61
איך גיי אַרום אין פרעמדן לאַנד ...................... 62
האָף און גלויב .................................. 63
טרייסט מיין פאָלק ................................ 64

www.libtool.com.cn

מיר פייערן היינט דעם הונדערטסטן געבוירן־יאָר פון דעם גאונישן שריפטשטעלער, דיכטער און דראַמאַטורג — י. ל. פרץ. גרויסע פאַרזאַמלונגען און פרץ־סעמינאַרן ווערן דורכגעפירט אין אַ סך שטעט. אין די שולן לערנען קינדער פרץ׳ן און באַקענען זיך מיט זיין ליכטיקער פערזענלעכקייט.

ביי דער געלעגנהייט ברענגט דער אידיש נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד די ערנסטע און וויכטיקע אַרבעט איבער פרץ׳ן פון באַרימטן שריפטשטעלער און ליטעראַטור־קריטיקער, יואל ענטין. דער חשוב׳ער מחבר דרינגט אַריין אין אַלע ווינקעלעך פון פרץ׳ס נשמה און ער ווייזט אָן אויף דעם ריזיקן שטח פון פרץ׳ס שאַפן און אויפן נאַציאָנאַלן אינהאַלט פון פרץ׳ס ווערק.

מיר גלויבן, אַז אין דער איצטיקער צייט, ווען דער גאַנג פון אידישן לעבן איז אַזוי פיל געענדערט געוואָרן, ווען צענטערן זענען חרוב געוואָרן און דער געוויכט פון אידישן פאָלקס־לעבן איז איבערגעטראָגן געוואָרן אויף נייע קאָנטינענטן; איצט, אין דער עפּאָכע פון דעם אָנהויב פון דער דריטער אידישער מלוכה אין ישראל, איז זייער וויכטיק, אַז מיר זאָלן זיך פון דאָס ניי פאַרטיפן אין די אייביקע ווערטן פון אידישקייט. מיר דאַרפן היינט לייענען און לערנען פרץ׳ן, דעם, וואָס האָט, לויט די ווערטער פון מחבר: „געגרונטעוועט די ימים פון דער פאָלקס־נשמה און פאָלקס־שפּראַך און האָט פון זייער טיפעניש אַרויסגעבראַכט — אײדעלע, שײנענדיקע, שימערירענדיקע פערל —“.

מיר האָפן, אַז די גייסטרייכע אָפּהאַנדלונג וועט אונדז העלפן בעסער צו פאַרשטיין די גרויסע גייסטיקע ירושה, וואָס פרץ האָט אונדז איבערגעלאָזט.

## אידיש נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד

מ. ל. בראון
פרעזידענט

ל. סיגאַל
גענ. סעקרעטאַר

צענטראַלער קולטור קאָמיטעט

פ. גינגאָלד
קולטור דירעקטאָר

www.libtool.com.cn

אזוי ווי דער אוניווערזום, פון שפּינאָזאַ׳ס גאָטהייט, אַזוי האָט יצחק
לייבוש פּרץ׳ס ליטעראַטור אַרויסגעשטראַלט פון זיין זשעני, — פון זיין
העלער פאַרשטעלונג, פון זיין מעכטיקן זכרון, פון זיין אָפּענעם, פּרוכט־
באַרן, תמיד שאַפנדיקן מוח, פון זיין אויף ברידער־מענטשן, בפרט
אויף ברידער־אידן תמיד ווייטיקדיקן האַרצן, פון זיין שטענדיק בענ־
קענדיקער נאַטור.

ניט דער גרעסטער, שטאַרקסטער פון די דריי זיילן אויף וועלכע
עס האַלט זיך דער קיילעכיקער ראָטונדאַ־טעמפּל פון דער נייער אי־
דישער ליטעראַטור, איז אָבער יצחק לייבוש פּרץ דער הערלעכסטער.
מענדעלי מוכר ספרים, דער גרויסער למדן, דער מחדש פון לשון, דער
אָנצויבערער פונם גאָלדענעם שטויב פון אידיש־פאָלקלעכן לעבן,
דער אָנווייזער פונם קראַפטפולן פאָלקס־כאַראַקטער און פון זיין פרישן
געלעכטער, האָט דער נייער אידישער ליטעראַטור איר „פאַדמור״, איר
פונדאַמענט און ווענט געשאַפן. שלום עליכם איז טאַקע די נייע ליטע־
ראַטור אליין: מיט זיין געבענטשטער, פרישסטער אוממיטלבאַרקייט
צו זיין שאַפן און געשאַפענעם; מיט זיין ריזיקער טיפן־גאַלעהייע; מיט
זיין קוועליקן הומאָר; מיט זיין תמיד נייער און באַנייטער שפּראַך;
מיט זיין נאַאיוו־חנ׳עוודיקער דערציילערישקייט, איז ער דער בויער
פון ווענט און פון דאַך פון דער נייער אידישער ליטעראַטור געווען.
וואָלט דאָס אַלץ אפשר פאַר אַ הויז על פּי נויט גענוג געווען — אָבער
ניט פאַר אַ טעמפּל. איז געקומען פּרץ, דער שפּע׳דיקער פּאָעט, דער
אייביקער טראַכטער און דענקער, דער צויבער־שלייפער, ווי ער מאָלט
זיך אַליין אויס אין „דאָס גלעזל״, דער גרויסאַרטיקער באַגילטער און
באַפּוצער און האָט אונזער נייע אידישע ליטעראַטור מיט גאָלד־גלאַנץ
באַשפּריצט, אין הימל־בלוי איינגעהילט, מיט שיינענדיקן שימער באַ־
הויכט. אויב מענדעלי איז אונזער תלמיד־חכם׳דיקער פּאָעט, שלום־
עליכם אונזער לעבנס־פריידיקער היימישער פּרינץ, איז יצחק לייבוש
פּרץ אונזער שיין־גייסטיקער אַרטיסט־דעקאָראַטאָר.

פּרץ איז געווען אַזוי רייך, האָט אַזוי פיל פאַרמאָגט, אַז וויפיל
ער האָט ניט געשריבן, איז אים אַלץ ווייניק געווען. ער האָט געשריבן
אי העברעאיש, אי אידיש און ער האָט זיך איןביידע לשונות אויסגע־
צייכנט אי מיטן אינהאַלט, אי מיטן סטיל. ער האָט געשריבן אי פּאָ־

עזיע, אי פראָזע, אי לירישע לידער, אי עפּישע; ער האָט געשריבן אי עסייען, אי פעליעטאָנען; ער האָט געשריבן אי קורצע דערציילונגען, אי נאָוועלעס, אי סימבאָלישע מעשה׳לעך. ער האָט געשריבן דראַמען און איין־אַקטערלעך. ער האָט אפילו געשריבן אַ פּרואוו אויף אַ ראָמאַנדל („וועבער־ליבע") און מעמוארן און קריטישע איבערבליקן און אַ מין צייטונגס־קאָרעספּאָנדענצן („שטעט און שטעטלעך"). און דאָס אַלץ איז אַ באַוויז, ווי ער האָט אַ לעבן לאַנג זיך געריסן, זיך אַרויסצוזאָגן. און דאָך בלייבט דער איינדרוק, אַז ס׳איז ביי אים נאָך געבליבן אַ סך ניט־דערזאָגטעס.

און מער נאָך איז דאָס אַ באַוויז ווי ער האָט פאַר אונז אַלעמען געקרעבקט, ווי ער האָט זיין גאַנצן דור געטראָגן אין זיך.

פּרץ איז אומעטום און אין יעדער צייט געווען דער וועג־אויסטרעטער, דער וועג־ווייזער. ער האָט אַלעמען געלערנט. אָנפאַנגער־קינסטלער און דיכטער האָט ער געלערנט ווי אַזוי צו שרייבן, מענטשן פון פאָלק האָט ער געוועקט צו ליבן און צו פאַרשטיין, געשטרעבט אַריינצוציען זיי אין אַ אידיש־קולטורעלן לעבן. ער האָט געעפנט נייע שולן פון קונסט און געלערנט פּראָווינצלער, ווי אַזוי צו גיין מיט די גרויסע שטראָמען פון קונסט און פרייד־געניס פון דער גרויסער וועלט. און ער האָט אויפגעדעקט פאַרשאָטענע קונסט־קוואַלן אויף אָפּגעלעגענע אידישע ליטעראַטור־שליאַכן.

נישט אין קיין עלעפאַנטענעם טורעם איז פּרץ געזעסן און אַראָפּגערעדט און אַראָפּגערופן און אַראָפּגעמאָלן זיינע געדאַנקען און געפילן און בילדער צום פאָלק פון דער הויך. ניין, ער איז געגאַנגען אין פאָלק, געגאַנגען צווישן פאָלק, געגאַנגען מיטן פאָלק, אים געלערנט, געהייטערט, געמוטיקט און געהייבן. און אַזוי טוענדיק איז ער אַליין אויפגעהייטערט און דערהייבן און דערפרישט געוואָרן.

איז פּרץ דער שטאַרקסטער און העלסטער און מונטערסטער עקספּאָנענט פון אונזער פיל־זייטיקן מאָדערנעם אידישן לעבן געווען.

איז רעכט און וואויל און זאָל טאַקע זיין געבענטשט דאָס וואָס מיר נעמען זיך איצט צונויף, באַנייט און אויפגעמונטערט, מיט אונזער טיפסטן גלויבן און ליבשאַפט און באַגייסטערונג, גייסטיק און ליבנדיק און פול־האַרציק זיך צונויפצוגיסן, זיך אַרומצונעמען, גייסטיק זיך צונויפצוואַקסן מיט אונזערע גרויסע און גייסטרייכע און דערהייבענע פון אַ פריערדיקן דור און כאָטש אויף איין ווייל ווערן איינס מיט זיי — און זאָלן מיר אונזער געבענטשטן, גליקלעכן אָנפאַנג מאַכן מיט אונזער טייערסטן יצחק לייבוש פּרץ!

www.libtool.com.cn

# פּרץ'ס רייזע אין דער צייט

„די רייזע אין דער צייט" איז אַ נאָמען וואָס פּרץ האָט געגעבן איינער פון זיינע שפּעטערדיקע עסייען וועגן דעם מענטשנס לעבן. איך נעם די פראַזע „רייזע אין דער צייט" אַלס אַלגעמיינע באַצייכענונג פאַר פּרץ'ס גאַנצן שאַפן. ער האָט געלעבט און געשריבן, געשריבן און געלעבט. ער האָט געלעבט און איבערגעלעבט די וועלט און אירע זאַכן און האָט וועגן דעם אַלעמען רעפלעקטירט, נאָכגעדענקט, נאָכגעטראַכט און מיט זיינע געדאַנקען, געפילן און באַשלוסן זיך געטיילט מיט דער אידיש־העברעאישער אָדער אידיש־אידישער וועלט. ער האָט עשריבן און געלעבט — געלערנט זיך אַליין און די וועלט, וואָס צו טאָן אין איינקלאַנג מיט דעם וואָס דאָס לעבן האָט אים געלערנט. געפינען מיר, בכן, אין פּרץ'ס לעבן און שאַפן אַ האַרמאָניע וואָס איז אַ זעלטנהייט.

מיר געפינען אָבער אויך אין פּרץ'ס לעבן־שאַפן אַ שטענדיקן פּראָגרעס. פּרץ האַלט ניט פון דעם פּעטיש פון אויסגעהאַלטנקייט צוליב אויסגעהאַלטנקייט. שטענדיק אויסגעהאַלטן איז נאָר אַ פלאָקן — האָב איך נאָך אַמאָל, אַמאָל געהערט פון אַ רעדנער אויף אַ אידיש־סאָציאַליס־טישער קאָנפערענץ. אַ קאָנסערוואַטאָר, האָט פּרץ אַמאָל אין מיטן פון זיין לעבן־שאַפן־קאַריערע געזאָגט, וויל אַ פאַרשווינדנדיקן מאָמענט, אויסציען מיט גוואַלד, מאַכט ער צו די אויגן און רעדט זיך איין, אַז דער דאָזיקער מאָמענט האַלט נאָך אָן.

איז ווייניק וואָס דאָס איז ניט מעגלעך, נאָר אַפילו ווען מעגלעך וואָלט עס געווען די ווייטיקדיקסטע וועלט־טראַגעדיע.

למשל, ווען פּרץ איז אין 1892 אַרויס מיט זיין „שטריימל", האָט ער מיט איר געהאַט דעם גרעסטן דערפאָלג אין די משכיליש־סאָציאַ־ליסטישע קרייזן. אָבער אַז אָך און וויי וואָלט אונז געווען, ווען פּרץ און מיר מיט אים וואָלטן אויך שפּעטער זיך געהאַלטן ביי דעם גראָב־ברוטאַלן קוק אויף דער אידישער רעליגיע (ווער רעדט נאָך ביי דעם וואולגאַרן צוגאַנג וואָס דער כאַם בערל קאָלבאַס האָט צו רבנים, זאָגנדיק „איר ווייסט אפשר ניט וואָס דערונטער דער שטריימל איז", מיט דער אָפענער אָנצוהערעניש, אַז דער רב מוז האָבן אַ פאַרד אויפן קאָפּ) ביים ברוטאַלן קוק וואָס „דאָס שטריימל דריקט אויס. פונקט אַזאַ אָך און וויי וואָלט אונז געווען, ווען פּרץ און מיר וואָלטן אויך שפּעטער אַזאַ צוגאַנג צו דער פרוי געהאַט, אַ צוגאַנג אַזוי פראָסט חי־וקים'דיק, אַזוי פראָזאַאיש־גשמיות'דיק, ווי עס איז דאָ איגם זעלביקן „שטריימל" און ניט דעם איידל־פיינעם, צאַרטן און אפשר אונטער אַלע אומשטאַנדן

טראַגישן וואָס מיר געפינען אין פּרץ׳ס „אַראָפּגעלאָזטע אויגן“ אין די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן“ פון אונזער ערשטן יאָר־צענדליק, וואו די עלטערע שוועסטער, די ריינע צדיקת זינדיקט, פאַרגיסנדיק בלוטיקע טרערן אויף איר זינד, מיט אַן אומריינעם גוף און אַן אמת ריינער נשמה, בשעת איר אינגערע שוועסטער לעבט ערלעך און גאָטספאָרכטיק, אָבער מיט אַ זינדיקער נשמה, ליידנדיק דערביי די צאַרט־שרעקלעכסטע יסורים און אָנשפּאַרנדיק, אונטער איר פאַלשער מאַסקע, שיר ניט אין די העכסטע הימלען.

געביטן האָט זיך פּרץ ראַדיקאַל אויך אין זיינע אידישע ווערטן בכלל. אַ בולט׳ער ביישפּיל איז זיין קוק אויף אידיש. נאָך אין יאָר 1890, אומגעפער, אין יאָר־בוך „די אידישע ביבליאָטעק“, קוקט נאָך פּרץ אויף אידיש ווי אויף אַ פּאַראָם, מיט וועלכן אַן אַרמיי באַנוצט זיך בלויז אויף אַריבערצוגיין דעם טייך, אָבער אַריבערגייענדיק אים, ווערט זי אים אָן געוויסנביסן קענען צעברעכן, ניט דאַרפנדיק אים מער. וואָס מיינט, אַז פּונקט אַזוי דאַרפן מיר זיך באַנוצן מיט אידיש פאַר פּראָפּאַגאַנדע און אויפקלערונגס־צוועקן, כל זמן מיר קענען קיין אייראָפּעאיש־ציוויליזירטע שפּראַך ניט. אָבער אין 1909 פאַררופט שוין פּרץ די טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ, וואו ער פּראָקלאַמירט שוין אידיש אַלס נאַציאָנאַלע אידישע שפּראַך. און שפּעטער — כאָטש קיין געלעגנהייטן פאַר קאָנפערענצן זיינען ניט געווען — גייט ער, לויט אַלע סימנים, אין זיין פאַרערונג און ליבשאַפט צו אידיש נאָך ווייטער.

נאָך קענטיקער איז זיין וועג בנוגע אידישן נאַציאָנאַליזם. איך בין אפילו ניט זיכער, אַז ער איז לחלוטין געווען קעגן ציוניזם. איך טראָג ניט אַרויס אַזאַ איינדרוק פון נחמן מייזעלס ביאָגראַפיש ווערק וועגן פּרץ׳ן, כאָטש נחמן מייזעל אליין איז דאכט מיר ווייט פון ציוניזם. די פריערדיקע עדות אין דעם סכסוך האָבן זיך געשטיצט אויף פּרץ׳ס מעשה׳לע „העכט“, וואָס איז אַ סאַטירע אויף דער חבת־ציון באַוועגונג (דער פאַר־מתן־תורה׳דיקער ציוניזם פונם ציוניזם). דאָך טאָר מען ניט פאַרקוקן, אַז די סאַטירע באַציט זיך דער עיקר אויף דער פרומער בית־המדרש׳דיקער זייט פון דער חבת־ציון. די זעלביקע עדות האָבן זיך אודאי נאָך זיכערער געשטיצט אויף פּרץ׳ס יוגנט־ליד „אַ תפלה“, וואו אידן בעטן כלומרשט:

גאָט, גיב אונז שוין אונזער לאַנד,
גרויס כאָטש ווי אַ גענית,
פאַר אונזערע אביעזדטשיקעס,
יעגער ביי דער גרעניץ.

און שפּעטער, אין זעלביקן ליד, בעטן כלומרשט די זעלביקע אידן אויף „אונזער פּאָליציי, אונזער מיליטער און אייגענעם סיביר״.

www.libtool.com.cn

פונדעסטוועגן בין איך נאָך אַלץ ניט זיכער, אַז אַזאַ לאַך, אַפילו אַזאַ ביטערער, ביי אַזאַ ניט אַלע מאָל געזעצטן מענטשן ווי אַ היינטיקער שרייבער, איז טאַקע אַ ראיה, אַז ער איז אַ קעגנער. אָט לאַכט דער אייגענער יצחק לייבוש פּרץ אַ סך ביטערער פונם אַרבעטער אַלס מענטשלעכער אידעאַל און פונם סאָציאַליזם בכלל אין „באָנטשע שווייג״ און אינם מעשה׳לע „אַ דין תורה״. דאָך איז ביי קיינעם קיין ספק ניטאָ, אַז י. ל. פּרץ איז שיר ניט פון סאַמע אָנפאַנג פון זיין קאַריערע אַלס אידישער שרייבער געווען אַ גאַנצער, פולער סאָציאַליסט. פון דער אַנדער זייט, דוכט מיר, אַז אַזעלכע שורות, ווי

„האָלט שוין ביי לויפן,
האָלט אַזוי שמאָל,
איז גלייכער אַהיים —
קיין ארץ ישראל!...

וועל איך כאָטש זען
רחל׳ס אַ קבר...
צי דאָס בית המדרש
פון שם און פון עבר...״

כאָטש זאָגן זאָגט זיי פּרץ׳ס „בעל עגלה״, וואָלטן זיי דאָך פון אים, בפרט אין סאַמע ברען פונם קאָך ביי אידן וועגן אימיגראַציע קיין ארץ ישראל, אָדער אַמעריקע, אָדער אַרגענטינע, ניט אַרויס מיר־ניט דיר־ניט, ווען דער מחבר וואָלט געווען אַן אַנטשידענער קעגנער.

די אַלע ספקות יאָ אָדער ניין, קענען אָבער נאָר געמאָלט זיין בנוגע ציוניזם, אָבער בשום אופן ניט בנוגע דעם נאַציאָנאַליזם. דאָ איז פּרץ׳ס וועג געווען אַ אַ פרייער, אַ ברייט־אויסגעשניטענער און ער איז איבער אים געגאַנגען שיר ניט פון דער ערשטער שבועה, וואָס ער האָט ,ווי יעדער שרייבער, געמוזט געבן זיין פעדער, ביז אין די לעצטע ניינציקער יאָרן, ווען ער הייבט דעם נאַציאָנאַליזם אַרויס אויף זיין פאָן, פאַרמערנדיק זיינע נאָכפאָלגער פון אַ הויפן אין אַ לעגיאָן, ביז אין 1912, ווען דער נאַציאָנאַליזם (און סאָציאַליזם) ווערט דער שטרייט־פונקט, וואָס צעטיילט דאָס גאַנצע אידישע פּוילן אין בעל־הבית׳ישע בורזשויעס, פון איין זייט, און פאָלקלעכע נאַציאָנאַליסטן־סאָציאַליסטן, פון דער צווייטער זייט, און קלינגט אָפּ אין דער גאַנצער אידישער פּרעסע־און ליטעראַטור־וועלט אַלס דער אַלוועלטלעכער גרויסער נאַ־

ציאָנאַל־פּראָגרעסיווער אידישער קאַמף מיט י. ל. פּרץ'ן אַלס זיין פלאַ־
www.libtool.com.cn
מענדיקן פירער־פאַרשטייער.

איך וויל אָבער ניט איבערלאָזן דעם איינדרוק, אַז אין מיין איצ־טיקער אַרבעט וועל איך זיך דער עיקר אָפּגעבן מיט י. ל. פּרץ'ס נאַ־ציאָנאַליזם. איך וועל זיך אויף אים, ווייל ער איז דאָך אומצעטייל־באַר פון פּרץ'ס ליטעראַטור בכלל, גאַנץ אָפּט נאָך אָפּשטעלן, אָבער פּרץ'ס ליטעראַטור איז היינט מיין הויפּט־טעמע. און האַלטנדיק אַז פּרץ'ס פּאָעזיע, כאָטש זי לייגט זיך ניט צו סימעטריש אין אינם גאַנצן סקלאַד פון פּרץ'ס שאַפן, איז פאַר אים אומגעהייער כאַראַקטעריסטיש, וועל איך מיט איר אָנהייבן. אגב, וועט זי אפשר דינען אַלס אַ מין פאַר־שפּיל פאַר דאָס גאַנצע.

## פּרץ'ס פּאָעזיע

ווערדליק מיר ווייסן היינט, קען געמאָלט זיין, אַז אידיש האָט פּרץ אָנגעהייבן שרייבן כמעט אין איין צייט מיט העברעאיש. דרוקן זיך האָט פּרץ אָנגעהייבן אפשר מיט אַן אַנדערהאַלבן צענדליק יאָר פריער אויף העברעאיש איידער אויף אידיש. אַ משכיל, כאָטש אַ פאַרשפּע־טיקטער (וואָרים וואָס איז שייך וועלט־אָנשויאונג, איז די השכלה דע־מאָלט שוין געווען אויב ניט אינגאַנצן אַ טויטע, איז אַ גוסס'ע) האָט פּרץ געשריבן אין גייסט און אויפן שטייגער פון די משכילים, שרייבנ־דיק מיט שטירדעס בנוגע דער דאַמאָלסדיקער, ווער רעדט דער פרי־ערדיקער אידישער וועלט־פירונג, דערפאַר אָבער מיט אַ געוויסער נאַ־ציאָנאַלער בענקשאַפט, שרייבנדיק אויסשליסלעך לידער און באַלאַדעס. און פונקט אַזוי האָט ער געשריבן אין דעם חודש־זשורנאַל, וואו ער האָט זיך אין יענע יאָרן אַם מייסטן געדרוקט, אין אברהם גאָטלאָבער'ס חודש־זשורנאַל „הבוקר אור". אין יאָרן אַרום קומען אויף אין וואַרשע נחום סאָקאָלאָווס — פּרץ'ס ניט נאָר אַ בן עיר, נאָר אויך אַ גוטער ברו־דער — יאָר־ביכער „האסיף", וועלכע ווערן געפירט אין דעם אויבנ־באַצייכנטן גייסט. פּרץ דרוקט דאָ, אויב מיין זכרון דינט מיר ריכטיק, אי לידער, אי דערציילונגען. די דערציילונגען, ווידעראַמאָל אויב איך געדענק ריכטיק, זיינען פון איין משפחה מיט פּרץ'ס סאַמע ערשטע אי־דישע דערציילונגען, עס הייסט זיי זיינען סאַמע פּוילישע, שמעקן מיטן ריח פון אידיש־פּוילישער ערד, בלישטשען אַמאָל דורך מיט אַ רחמנות־ליבנדיקער טרער און לאָזן איבער דעם איינדרוק פון עפּעס אַן אַנדע־

www.libtooh.com.cn

דערער, אָפּגערוקטער ערד. אין יאָר 1887 הייבט אָן אַרויסגיין, דורך פּרץ׳ס אַ צווייטן בן עיר, אַ קאָנקורענץ־בוך צו סאָקאָלאָוו׳ס „האסיף“, דער „כנסת ישראל“. שאול פּנחס ראַבינאָוויץ, דער רעדאַקטאָר, אַ היס־טאָריקער, אַ באַוואוסטער געלערנטער חובב ציון, מאַכט זיין יאָר־בוך שאַרף אויסגעשפּראָכן ציוניסטיש. פּרץ האָט דאָ, אויב איך געדענק ריכטיק, נאָר איין ליד:

„לעלמה יפה־פיה והיא מתנכרה“.

דאָס ליד, זייענדיק געריכטעט צו דער הייגטוועלטיקער אידישער קראָ־סאָוויצע, איז געשריבן אין אַן אַפּאָלאָגעטישן טאָן, עס הייסט, עס בעט זיך ביי דער שיינהייט, וועלכע האָט ליב דאָס וואָס איז שיין און דערהייבן, זי זאָל זיך ניט אָוועקקערן פון איר פאָלק, וואָרים אויך מיר פאַרמאָגן שיינעס און דערהייבענעס. און, מער נאָך, דאָס שיינע און דערהייבענע, איז טאַקע פאַר אונז, פון אונז אַליין.

און פּרץ זינגט:

„כי לא חסר דעה
גם בעל הפאה“

(ניט קיין אידיאָט איז אויך דער מענטש מיט פּיאות).

נאָר איך שטעל זיך דער עיקר אָפּ אויפן ליד, צוליב אַזעלכע פערזן אירע, ווי:

„כי לבך תאו
כפתורי זהב“

(דיין האַרץ, — ס׳האַרץ פון דער הייגטוועלטיקער אידישער פריילין, — האָט געגלוסט גאָלדענע קנעפּ, די קנעפּ פונם סטודענט, וואָס גייט אין אוניווערסיטעט).

די דאָזיקע פערזן — און איך גלויב אַז ענלעכע צו זיי חזר׳ן זיך איבער אין ליד — זיינען כאַראַקטעריסטיש מיט זייער אומגעוויינט־לעכן (תאָו — זהב) שטעכעדיקן, שאַרפן, טראַציק־אויסנאַמהאַפטיקן גראַם. און דאָס איז ביי מיר זייער וויכטיק, ווייל איך פאַר דאָס צונויף מיטן גראַם פון פיל פערזן אין פּרץ׳ס גרויסער אידישער פּאָעמע „מאָ־ניש“, מיט וועלכער ער מאַכט זיין דעביוט אין אַ יאָר אַרום אין דער אידישער פּאָעזיע, אין שלום־עליכם׳ס יאָר־בוך „די אידישע פאָלקס־ביבליאָטעק“.

אין „מאָניש״, אין אָנהייב, זינגט פּרץ:

www.libtool.com.cn

„איר ווייסט — מן הסתם —
די וועלט איז אַ ים,
מיר זיינען פיש!
(טייל זיינען העכט,
שלינגען ניש׳־שלעכט...
זאָגט, אפשר ניש׳?)״

איך זע אין דעם אַ צווייענדיקן להכעיס. ערשטנס, וויל דאָ פּרץ ווייזן, אַז אויך זיין פאַרשריענער, פאַררופענער פּוילישער אידיש קען זיך זיין שיין און פיין, אפילו אין דער פּאָעזיע. צווייטנס, וויל ער, דער מענטש וואָס האָט דער ערשטער אַרויסגעשריען אויף דער אידיש־ליטעראַרישער גאַס: „פּין דע סיעקל״ — פּען דע סעקל — דער סוף פון 19טן יאָרהונדערט, עס הייסט די צייט פון דעקאַדענץ, פון „אונטער־גאַנג״, ווי איר זאָגט, אָבער פון אַ נייער ליטעראַטור און פּאָעזיע, פון אַ נייער באַנעמונג, פון אַ נייעם ליטעראַרישן שטייגער. אַ נייע פּאָעזיע, אַ פאַרבענקטע, אַ באַנומענע, אַ שיינע, אָבער אויך אַ שאַרפע, אַ שניי־דנדיקע.

און אין דער גאַנצער פּאָעמע „מאָניש״, וועלכע פּרץ רופט אָן אַ באַלאַדע, אָבער ער האָט פאַרגעסן צוצוגעבן, אַ סאַטירישע, האַלט ער זיך, לכל הפחות אין די סאַטירישע טיילן, ביי אָט אַזעלכע, שאַרפע שניידנדיקע גראַמען, וועלכע, צי האָט ער יע געמיינט, צי האָט ער ניט געמיינט אָט די דעקאַדענטע כוונות וואָס איך האָב דערמאָנט, אָבער זיינע נאָך טליענדיקע סאַטיריש־משכילישע צילן, צו שטעכן דעם אַלטמאָדישן, „אַלט־פרענקישן״ אידן, האָט ער מיט זיי זיכער דער־גרייכט. און זיכער איז די גאַנצע באַלאַדע אַזוי ווי צעשניטן אין צוויי טיילן, איין טייל, אַ האַרטער, אַ שניידנדיקער, וואו ער שטעכט און „זידלט און ברידלט״ די אַלטמאָדישע קליינשטעטלדיקע אידן, און די צווייטע, אַ ראָמאַנטישע, וואו ער באַזינגט מיט האַלב־דייטשע, אָבער דאָך אידישלעך קלינגענדיקע שיינע ווערטער די ליבע און אירע טרע־גער, דעם שיינעם, אידעלן, פאַרחלומט־ליבנדיקן מאָנישן, זיין זיידן־האַרציקע מאַמע, אפילו די חדר־ווייבלעך, וואָס זיצן פון ווייטן און הערן ווי טרויעריק דער פאַרליבטער מאָניש זינגט און פאַרגיסן טרערן אויף זיין בראָך, אפילו לילית׳ן, וואָס איז דאָ פאַרשטעלט פאַר אַ גרויס־שטאָטישער אידיש־דייטשער שיינהייט.

אַ גרויסע, אַ שיינע פּאָעמע „מאָניש״ און זי האָט אָנגעשלאָגן דעם טאָן אין דער אידישער פּאָעזיע, כאָטש נאָך מיילן־יאָרן אין פּאָרויס,

www.libtool.com.cn

פון איין זייט, פון ראָמאַנטיזם, פון דער אַנדער זייט, פון דעם שטענדיקן, אָבער באַנייענדיקן ניי־ראָמאַנטיזם.

און אַזוי איז ער געגאַנגען כסדר, פּרץ, ניט געקוקט, וואָס ווען ער האָט אָנגעהייבן, איז ער געווען טאַקע דער ווייטער ערשטער „באַן־ברעכער" און ווען ער האָט זיין פּאָעזיע, אין יאָרן אַרום, געענדיקט שרייבן, איז ער שוין נישט געווען דער איינציקער נייער, דער „בונטאָוו־טשיק" אין דער אידישער פּאָעזיע.

אָט איז, למשל, אַ לידל, כ׳גלויב פון פּרץ׳ס ערשטע אידיש־פּאָעטישע יאָרן.

„אין דער שטילער נאַכט,
קיינער הערט און זעט ! —
גיסט זיך אויס מיין האַרץ, —
הערסט דו מיין געבעט ?

אין דער שטילער נאַכט
ליג איך אויסגעשטרעקט
און וויין . . . צי האָט דיך עס
אַמאָל פון שלאָף געוועקט ?"

האָבן מיר דאָ אַזאַ פיינע געפילפולקייט, אַזאַ סופּער־סענסיטיווקייט, וואָס פּרץ האָט, דאַכט זיך, אַרויסגעכאַפּט ביי זיינע פראַנצויזיש־פּוילישע לידלער־חברים צו ווייזן אידישע ליריקער, ווי טיף מען דאַרף פילן, ווי פיין מען דאַרף שרייבן.

און אָט זיינען פּערזן פון פּרץ׳ס אַ נאַטור־לידל (כאָטש געמיינט האָט ער, אין תוך, ניט די בלימלעך וואָס ער באַזינגט דאָ, נאָר מיידלעך) פון יענע פריע צייטן :

„קאַלט קוק איך אַן
׳ווילד רויטן מאָן ;
פאַרשייט און צעפלאָסן,
מיט פלאַמען באַגאָסן,
ווינקט פון צווישן די זאַנגען . . .

כ׳באַוואונדער, ווי ס׳שיסט
צום הימל די רויז ;
עס פלאַטערט איר שויס,
זי ציטערט און פליסט
מיט האַרציק און דופּטיק פאַרלאַנגען !"

פּרעכטיקע קאָליאָרן, שרייענדיקע פאַרבן פון יוגנט־בלומען און יו־גנטלעכער פּרץ׳ישער פּאָעזיע־נשמה, וועלכע עס שלינגט אין זיך איין

די יונג־מיידלשע נשמה און לעכצט מיט זיי אינאיינעם. און אַט איז אַ שפּעט־פּרץ׳ישער סטאַנז, װעלכער צייכנט אָן דעם דעקאַדענטישן נאַטור־זינג־זאַנג, װאָס כאַטש, דאכט זיך, גאָל און בלייך, פּאַרמאָגט ער אָבער אויך זיין פאַרב:

www.libtool.com.cn

„נאַכט, אַ הוילער בוים אין פעלד,
איינזאַם, שטום און בלינד!
און אַ קלאָג־ליד אויף דער װעלט,
בלאָזט אויף אים דער װינט!
און אויפן בוים אַ שװאַרצע קראָ,
זיצט און לאַכט
און דאָס אַלץ זאַפּט אין זיך איין
די גרויע נאַכט!"

און אַזוי איז געװען דער גאַנג פון פּרץ׳ס לירישער און לויטער־געזאַנג און לויטער נאַטור־פּאָעזיע, תמיד ביי און סוגעסטירנדיק און װעג־װייזנדיק.

און אַזוי איז אויך געװען די מער געזעלשאַפטלעכע פּאָעזיע פּרץ׳ס, װעלכע, אַ דאַנק די רוסישע פּאָליטישע באַדינגונגען, איז זי, אין די ערשטע ניינציקער יאָרן, געװען ניט נאָר די ערשטע, נאָר די איינציקע. אז עס איז אין 1895 געשטאָרבן אַלעקסאַנדער דער דריטער, דער צורר בכלל און דער אידישער צורר בפרט, האָט, נאַטירלעך, נאָר פּרץ גע־קענט אָנשרייבן זיין הספד „דעם לייבס לויה", װעלכע ענדיקט זיך מיט די פערזן:

„און אַ פּיקסל זאָגט אַ הספד
אַז עס שניידט די קישקעס..."

איבערגייענדיק צו פּרץ׳ס ריין־סאָציאַלער פּאָעזיע האָבן מיר, צו־ערשט פון זיינע פריע יאָרן, די ליבע, כאַטש פון פראַצע און שטרייט גע־װעבטע דראַמאַטישע אידיליע „ביי דעם פרעמדן חופּה־קלייד". עס זיינען שוין דאַמאָלס, מן הסתם, געװען אין אַמעריקע אַרבעטער־לידער פון עדעלשטאַט און ראָזענפעלד, אָבער נאָר איין פּרץ, און אין װאַרשע, האָט דאַמאָלס געקענט שרייבן אַזאַ דראַמעלע פון קלאָג און שיינער פאַנ־טאַסטיק. די מיידלעך ביי די ניי־מאַשינען קלאָגן זייער קלאָג, די בעל־הבית׳טע זיצט דערביי, אָבער װי אַ געװעזענע חבר׳טע, נעמט זי דאָס קלאָג ניט גראָד אויף איר חשבון. זי איז אפשר גאָר צופרידן, װאָרים דאָס קלאָגן מאַכט גרינגער סיי זייער פראַצע סיי אירע. און נאָר פּרץ האָט געקענט אין די איינפאַכע אַרבעטער־מיידלשע פערזן אַריינ־

www.libtool.com.cn

פלעכטן אַזעלכע אַלגעמיין־געשיכטלעך־פילאָזאָפישע אַלעגאָריעס וועגן דעם פאַרפעלטן לעבנס־צוועק פון דער פאַרזעסענער מיידל און וועגן דער צעטיילונג פון קאַפּיטאַל און אַרבעט. און קומט צו דער איינפאַכער, אָן־חכמה׳דיקער און אפילו שטילער יללה פונם מיידל, וואָס פאַר־וועלקט און פאַרוויאַנעט ביי דער שטעפּ־מאַשין, האָבן מיר דאָ אין דער שטילער „דריי נייטאָרינס״, דעם מורא׳דיקסטן פּראָטעסט. הויערט נידעריק אונטער די וואָלקנס, נידעריק איבער דער ערד אַ דונער־שטורעם און יאָמערט: וואָס טויג מיר די וועלט, דאָס קאַפּיטאַל, די הערשער, דער אייביקער יושר, דער וועלט־באַשאַף, די אור־אַלטע און אור־נייע מענטשלעכע און געטלעכע הנהגה, ווען אָט די יוגנט ווערט אָט אַזוי בל־תשחית׳דיק אין ניוועץ צעגאָסן, ווען די געבענטשטע בליענדיק־לעכצנדיקע מוטערשאַפט ווערט אַזוי אומברחמנותדיק צע־הלומעט, ווען די יוגנט און די פרייד און דער געניס ווערן אַזוי ווערימ־דיק־יאָמערדיק־ברוטאַל צעפרעסן און צעטראָטן. איך ווייס ניט, צי האָט פּרץ פאַר זיך געהאַט טאָמאַס הודס "The Song of the Shirt" צי ניט, אָבער זיכער איז, אַז ער האָט זי ניט באַדאַרפט, אַז נאָר די ריין־אידישע פאַרטונקלטע פּרוכת־דימענטלעך האָבן געקענט מאַכן די נייטאָרישע דראַמעלע אַזוי שטאַרק, אַזוי טרויעריק ביטער און זיס, אַזוי אומענדלעך־האַרציק־וויינערדיק און איכה׳דיק־זיס.

„עס, פאַרגעסן וואָס אַמאָל!...
תכריכים וועט מיר געבן קהל,
אויך אַ קליינטשיק פּיצל ערד,
איך וועל רוען אומגעשטערט,
איך וועל שלאָפן, שלאָפן!״

און דאָך, ביי דעם אַלעמען געזאָגטן וועגן פּרץ׳ס פּאָעזיע, האַלט איך דאָך פאַר דאָס בעסטע, זיכער פאַר דאָס וויכטיקסטע און פּרץ׳יסטישע אין פּרץ׳ס פּאָעזיע אַ גרופּע, ניט קיין גרויסע, פּרץ׳ס לידער, וואָס וועגן זיי מוז איך געבן אַ ספּעציעלע הקדמה׳לע, וואָס אפשר האָב איך זי געדאַרפט פריער ברענגען, נאָר ס׳איז גוט וואָס איך האָב זיך אויף דעם איצטער דערמאָנט.

י. ל. פּרץ איז איינער פון יענע שרייבער, וואָס זייער לעבן און שאַפן איז צעשניטן מיט אַ צאָל רויטע, בלוט־רויטע און גאָלדענע דאַטעס — דאַטעס מיט וועלכע עס הייבט זיך אָן עפּעס נייעס, גרויסעס, רויטעס און שטורעמדיקס.

די ערשטע דאַטע אין פּרץ׳ס לעבן (אָנגעהייבן אין 1851) איז גע־

ווען, אַז ער איז אַלט געווען אַ יאָר אַכצן. פרץ איז דאַמאָלס געווען אַ www.libtool.com.cn היימישער, שיינער, שיין־בעל־הבית׳ישער בחור, אַן עילוי׳אישער בחור, אָבער ניט מער. פלוצים האָט זיך צו אים דערטראָגן די בשורה, אַז אין אָט דעם און דעם גרויסן שטאָל, ביי אָט דעם און דעם הויז געפינט זיך דער גרעסטער אוצר פון ספרים און ביכער. דער בעל־הבית פון אוצר איז אַוועק, פאַרשוואונדן און ווער עס וויל קען זוכה זיין מן ההפקר, לכל הפחות אויף צו לייענען און שטודירן זיי פראַנק און פריי. און פרץ, משמעות ניט פאַרטרויענדיק קיינעם, און ניט מיישב זייענדיק זיך מיט קיינעם, האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין שטאָל, ווי אַ הונגעריקער וואָלף אין אַ שטעלכל פון שעפעלעך און האָט געשטילט זיין הונגער חדשים־לאַנג, אפשר יאָרן־לאַנג. עס זיינען געווען שטערונגען פון פרעמדע שפראַכן — דער עילוי האָט זיי גובר געווען. עס זיינען געווען מכשולים פון אַ שווערן, פרעמדלעכן אינהאַלט — דער בחור מיטן אָפענעם מוח איז זיי בייגעקומען.

עס זיינען אפשר געווען די לידער פונם יונגן, פון שווינדזוכט אַוועקגעגאַלאָפירטן, אומענדלעך־זיסן און אומענדלעך־מעלאַנכאָלישן דזשאָן קיטס, האָט פרץ, אויב יע, אודאי זיך אָנגענומען מיט זייער גייסט. עס זיינען געוויס געווען לידער פון גרויסן אינטעלעקטועלן פאַטאָס פון אָרעמען מענטשן און אָרעמער מענטשהייט — פון פערסי ביסי שעלי — האָט פרץ מיטן דאָזיקן פאַטאָס זיך דורכגעדרונגען. עס איז, ראש וראשון, געווען דער שטנישער, קעגן הערשאַפטן און מענטשן און געטער שטורעמענדיקער לאָרד בייראָן — מיט אים האָט י. ל. פרץ דורכגעזאַפט זיינע פאָעטישע גלידער. און פון די אַלע דריי האָט ער זיך אָנגענומען און זיך דורכגעווייקט מיט דעם, וואָס איז דאַמאָלס געווען דער רוף־סימן פון דער צייט און וואָס אַפילו איצט קלינגט עס נאָך גאַנץ שטאַרק און שטורעמדיק — דער וועלט־שמערץ אָדער די דראַמע פון דעם אַלוועלטלעכן פעסימיזם (נחמן מייזעל זאָגט עדות, אַז נאָך אין 1894 האָט זיך ביי פרץ׳ן געפונען זיינער אַ מאַנוסקריפט, אַ מין בייראָנישער „טשיילד העראָלד“ — וואָס איז אַ מין פראָלאָג פון אַלץ מורא׳דיקעס, שטורעמדיקעס און גרויסעס ביי בייראָנען).

און אָט די גרופע לידער פרץ׳ס, אויף וועלכע איך האָב אָנגעוואונקען, איז דורכגעדרונגען מיט אָט דעמדאָזיקן וועלט־שמערץ און צאָרן. זי שטעלט מיט זיך פאָר עפעס באַזונדערעס און אייגנאַרטיקעס אין פרץ׳ס פאָעזיע, אויב ניט אין זיין גאַנצן שאַפן. זי איז בלוטיק איראָניש און צאָרנדיק־שטראָפעריש און מורא׳דיק טרויעריק און אָן אַ דעק פאַטעטיש

און הילפלאָז פאַרצווייפלט און מיט דעם אַלעמען איז ז׳ אפשר דאָס שענסטע אין פּרץ׳ס פּאָעזיע. צו דער גרופּע געהערן דער שטראָף פון

www.libtool.com.cn

„מיין נישט"

„מיין נישט, די וועלט איז אַ בערזע — באַשאַפן
דער שטאַרקער זאָל האַנדלען מיט מידע און שוואַכע,
זאָל קויפן ביי אָרימע מיידלעך די בושה
ביי פרויען די מילך פון די בריסטן, ביי מענער
דעם מאַרך פון די ביינער, ביי קינדער דעם שמייכל...
אָ, מיין נישט לית דין ולית דיין".

דער פּאַטאָס פון

„וואָס טראַכטן און קלערן
גערונצלטע שטערן,
ווען ס׳ווערן אין די אויגן
פאַרבאַקן די טרערן ?
וואָס טראַכט און וואָס חלומ׳ט
די שטומפּיקע קוואַל ?
צי בליצט דאָרט כאָטש איין מאָל
אין לעבן די שטראַל,
וואָס לייכט אונז ביים זוכן
אין פינצטערע טעג,
דער אָרעמער מענשהייטס
פאַרלוירענעם וועג ?"

די מורא׳דיקע פאַרצווייפלונג פון „רבונו של עולם !"

„רבונו של עולם !
נאָך וויפיל געליטן ?...
און ברייט איז דער אָפּגרונט...
וואו ס׳מעסער נאָר בליצט,
מיט בלוט אויף די ריינסטע
אידייען באַשפריצט".

אָדער די בלוטיקע איראָניע פון שעפּעלע וואָס בעט זיך ביי גאָט:

„שענק מיר דיין גנאָד אַ רגע,
גיב מיר קראַפט אויף איין מינוט;
לאָז מיר אויף אַמאָל פאַרזוכן
שאָפן־פלייש און שאָפן־בלוט.

עס מוז זיין אַ זעלטן מאכל...
פאַר וואָס קומט עס פון דור דורות
נאָר דעם לייב..."

אמת שטניש איז:

www.libtool.com.cn

„אַ טעאַטער איז די וועלט,
גאָט איז רעזשיסער —
ס'שטיק איז פּיין — ליידער איז
דער טייוול דער סופלער".

אָן אָן־גרונטיק פאַרצווייפלטע דיסהאַרמאָניע גרילצט אַרויס פון:

„קליינע מענטשן, דראָבנע מענטשן,
זייער שילטן, זייער בענטשן,
זייער לויבן, זייער שרייען,
זייער פלאַמען, זייער שפּייען,
זייער בעטן מיט געוויין,
זייער קריצן מיט די ציין, —

אַלץ איז דרויב,
לייכטער שטויב,
פאַר דער שוואַכסטער פליג קיין לאַסט!
און די צייט אָן רו, אָן ראַסט
שוועבט אויף שטאָלערנע, ריזיקע פליגל...
(נישט צום גראַם)."

## דער מכשף פון פוילן

אין די לעצטע אַכציקער יאָרן, האָב איך שוין געזאָגט, הייבט פּרץ אָן צו שרייבן העברעאישע דערציילונגען אין נחום סאָקאָלאָוו'ס „האסיף". עטוואָס שפּעטער גרינדעט אין וואַרשע דער דאַן באַוואוסטער העברעאישער דערציילער בן אביגדור־שאלקאָוויץ (אונזער יהואש'ס אַ שוואָגער) אַ פאַרלאַג אויף אַרויסצוגעבן צו ביליקע פּרייזן קליינע, גאַנץ אָדער האַלב רעאַליסטישע דערציילונגען און פּרץ ווערט ביי אים אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער. אַ דערציילונג, למשל, מיטן נאָמען „לאה מוכרת הדגים" (לאה די פיש־פאַרקויפערין), כ'געדענק ניט גענוי צי פּרץ'ס, צי בן אביגדור'ס, מאַכט אַ רושם. אורטיילנדיק פון אָט דער דערציילונג ווי אויך פון אַנדערע, וואָלט איך געזאָגט, אַז די דערציילונגען זיינען.גע־ווען ניט אַזוי רעאַליסטיש ווי פאָלקיסטיש. עס האָט זיך געמלעך דאַ־מאָלס צווישן די אידן אין רוסלאַנד, צום טייל אַזוי ווי מיט אַ פאָר צענד־ליק יאָר פריער צווישן די רוסן אין רוסלאַנד, אָנגעהייבן אַ „נאַראָדני־טשעסקע" באַוועגונג, וועלכע, אין דער ליטעראַטור, האָט זי געדינט דעם צוועק צו שילדערן דאָס לעבן פון פאָלק, פונם פאָלקס־מענטשן, צו ווייזן זיינע ליידן, צו וועקן צו אים רחמנות און טיילווייז, אויך צו

ווייזן זיין שיינקייט. מיט דעמדאָזיקן שטייגער שרייבן האָט פּרץ משמעות זיך גאַנץ אידענטיפיצירט, אַריבערטראָגנדיק אים פון זיינע העברעאישע זאַכן אויך אין די אידישע. אַרום 1889, בעת ס׳זיינען אין שלום־עליכם׳ס צווייטער „אידישער פאָלקס־ביבליאָטעק״ דערשינען פּרץ׳ס אַ פּאָר אידישע „פאַנטאַזיעס״, איז אויך אַרויס פון אים אַ אידיש ביכל מיטן נאָמען „באַקענטע בילדער״, מיט דערציילונגען און סקיצן פון אידישן פוילישן לעבן, וואָס האָבן אין דער ליטעראַרישער אידישער וועלט אין פוילן און רוסלאַנד, ווי קליין זי איז געווען, געמאַכט אַ שטאַרק דערפרייענדיקן רושם. די דערציילונגען זיינען געווען „נאַראָדניש״, אָבער שוין מער רעאַליסטיש. די דערציילונגען זיינען זעלטן געווען פּסיכאָלאָגיש (פּסיכאָלאָגיע איז בכלל געווען אַ געביט, אויף וועלכן פּרץ האָט זעלטן זיך אויסגעצייכנט) אָבער דערפאַר אָפט בילדלעך, כאָטש ניט זעלטן איז די בילדלעכקייט אַריינגעפאַלן אין פּובליציסטישער באַשרייבונג. און זייענדיק קלוג, וואַרעם־האַרציק, כאָטש, וואו־ניט־וואו אויך עטוואָס משכיליש־אָפּלאַכעריש און פויליש ניי און אָנגענעם, ניט געקוקט אויף דעם פאַרן געוויינטלעכן לעזער נייעם, פוילישן דיאַלעקט, האָבן די דערציילונגען כשר פאַרדינט די גוטע אויפנאַמע וואָס זיי האָבן געקראָגן, סיי ביי דער אינטעליגענץ און סיי אין געוויסע פאָלקס־שיכטן.

אָט איז דער קורצער אינהאַלט פון פיר דערציילונגען פון ביכל:
„דער משוגענער בטלן״ די פּסיכאָלאָגישסטע, איבערהויפּט איינע פון פּרץ׳ס פּסיכאָלאָגישסטע זאַכן בכלל, האָט פאַר איר הויפּט־העלד דעם בטלן, אָדער איבערגעוואַקסענעם שול־לערנער בערל חנה׳טשעס. ניט נאָר איז ער קרוע־בלוע, אָפּט הונגעריק, ווייל עס פעלט אים אַ טאָג אָדער טעג, נאָר ער איז אויך עלנט שיר־ניט פאַרוואָרלאָזט. דערצו איז ער נאָך איינגעליבט, כאָטש ער פאַרשטייט עס ניט געַנוי, אין דער ווייב פון וואָלף סוחר, וואָס דער בטלן האָט ביי איר אַ טאָג און זי איז די איינציקע וואָס האָט אויף אים רחמנות. וואָלף איז שלעכט אי צו זיין ווייב, אי צו איר אָרימען שוצלינג, איז דער בטלן קאָפּאַבל אים באַדאַי צו דערהרג׳ענען. לויפט דער בטלן אַרום אַ פאַרווירטער איבערן בית־מדרש, מאַטערנדיק זיך צו דערגיין: ווער איז ער? נו, גוט ער האָט אַ נאָמען, אָבער וואָס איז אַ נאָמען? דערהויפּט קען ער ניט פאַרשטיין — ווייל עס בויטען זיך אין אים אַזוי פיל פאַרקערטע, ווידערשפּרעכנדיקע אימפּולסן, פּלוצים׳דיקע באַגערן — קען ער ניט פאַרשטיין וויפיל איז ער, צי איינס, צי דריי, צי פיר. וואָרים אָט רייסט עס אים, דעם הונגעריקן, גנב׳ענען אַ קיכל ביי דער שמש׳טע און אָט באַ־



www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

קומט ער אַ מורא׳דיקן חשק אַריינצוקוקן אין אַ ספר און אַט רייסט עס אים און בייסט צו לויפן אין מרחץ, און אַט וויל ער גאָר ווערן אַ פּשוט־געזונטער מענטש, אַ האַלצהעקער. ענדלעך באַשליסט ער צו עקס־פּערימענטירן אויף מענטשן און דערגייען דעם סוד. ער האָט אַ „קני־פּיקל" (אַ קליין אינגלש מעסערל), וויל ער מיט אים אויפשניידן וואָלף סוחר און עס פּרייט אים שוין אין פאָרויס דאָס בילד ווי עס וועט זיך צעלויפן וואָלף סוחר׳ס בויך. לסוף נעמט ער זיך אָפּרייבן מיט שמאַ־טעס דעם כיור, דעם האַנטפּאַס פון בית־מדרש, אום אַריינצוקוקן אינעם קופּער ווי אין אַ שפּיגל און אויסשטודירן זיך אַליין, בלייבנדיק שיר אָן כוחות פון דער אָנשטרענגונג.

דער העלד פון דער צווייטער דערציילונג „דער משולח", אָדער „פאַרשאָטן אין שניי", וואָס איז ריין „נאַראָדניש", איז שמעיה, אַ זי־בעציק־יאָריקער געוועזענער ניקאָלאַיעווסקער סאָלדאַט (זיין שפּרינצע איז מיט עטלעכע יאָר פריער געשטאָרבן, די קינדער זיינען זיך, ווי דער שטייגער איז, צעלאָפן איבער דער וועלט) אָבער ער לעבט נאָך פון יגיע כפּו. אָט איצט, ווי אָפט, גייט ער אין אַ שליחות, אָפּטראָגנדיק אַ קאָנטראַקט מיט געלט פון איין סוחר צו אַ צווייטן. איז אָבער דער טאָג אַ ווינטיק־שנייענדיקער און ער איז אפילו ניט ווינטערדיק אָנ־געטאָן און אין אַ זייט שטעכט אים. עס איז שוין ניט ווייט און ער וויל זיך ניט צוזעצן אָפּרוען, אָבער ער מוז, ציט עס אים אַריין אין אַ היץ און אין אַ דרימל, און עס גייט פאַר אים פאַרביי זיין גאַנץ לעבן, זיין פרייד און נחת מיט זיין פאַרשטאָרבענער שפּרינצען, און ווי אַזוי זי פלעגט אים „עסן" כאָטש זי האָט אים גאַנץ ליב געהאַט און ווי אַזוי זי פלעגט באַוויינען יעטווידן שטול, יעטווידן בענקל פון שטוב, וואָס מען פלעגט פאַרקויפן איבערן שטענדיק וואַקסנדיקן דלות. לסוף דאַכט זיך שמעיה׳ן, אַז זיינע קינדער זיינען געקומען און זיי פרעסן אים און האַלדזן אים. דאָס פרעסט אים, נאַטירלעך, דער פראָסט. אויף מאָרגן געפינט מען שמעיה׳ן אַ טויטן אונטערן שניי.

די דריטע דערציילונג, „וואָס הייסט נשמה", איז וועגן אַ אינגל אַ יתום. אָט ווי ער מאָלט אויס דאָס הויז אויף מאָרגן, ווי דער טאַטע איז געשטאָרבן: „אויף דער ערד איז געלעגן אָנגעשיט שטרוי, דער שפּיגל אויף די ווענט — איבערגעדרייט, דער הענג־לייכטער פאַרהאַנגען מיט אַ טישטוך און די מאַמע איז געזעסן אין די זאָקן אויף אַ קליין בענקעלע אויף דער ערד".

צו די דאָזיקע בילדער פון טויט קומט נאָך צו: „אויפן פענצטער

האָט זיך געברענט אַ קאגעניק (אַ קנייטל אין אַ גלאָז חלב), דערנעבן איז געשטאַנען אַ גלאָז וואַסער און געהאַנגען אַ שמאַטע.

www.libtool.com.cn

„מען האָט מיר געזאָגט, אַז... דעם טאַטנס נשמה וואַשט זיך אינם גלאָז וואַסער אוןווישט זיך אָפּ מיט דער ליינוואַנט... און אויב איך וועל זאָגן ערנסט קדיש, וועט זי פליען גלייך אין הימל אַריין.

און מיר האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז די נשמה איז אַ פייגעלע".

און עס הייבט זיך אָן פאַרן אינגל אַ סדרה גלגולים, אַ סדרה זוכע־נישן וואָס איז נשמה.

איינמאָל גייענדיק פון חדר דערזעט ער דורכפליען עטלעכע פייג־לען, צעזינגט ער זיך: „נשמה'לעך פליען, נשמה'לעך פליען". אָבער דער באַהעלפער לאַכט פון אים: „גיי, דו נאַר, דאָס זיינען פייגל, פראָס־טע פייגל!"

דער רבי זרח קנייפּ, אַ רוצח'ישע מלמד'ישע געשטאַלט, וואָס וויל רעכטפאַרטיקן די מורא'דיקע קנייפן וואָס ער פלעגט די חדר־אינגלעך געבן, מיט דער טענה, אַז ער שאַדט דאָך ניט זיי, נאָר זייער גוף, דעם עפר ואפר, פלעגט זאָגן, אַז „די נשמה איז אַ רוחניות".

דער אייגענער בייזער רבי פלעגט אָבער ביי מעשיות דערציילן, מיט גרויס מתיקות פאָרשטעלן, ווי אַזוי גאָט קלייבט אויס אַ נשמה און שיקט זי, אַ ציטערנדיקע און אַ וויינענדיקע, אַראָפּ אויף דרערד, פאַר אַ אידישן מענטשן און עס קומט צו „איר אַ מלאך אין דער מאַמעס בויך און לערנט מיט איר אויס כל התורה כולה".

דער גרעסטער פון אַלע מלמדים, אַ ברענענדיקער חסיד און אַ שטיקל מקובל גיט צו פאַרשטיין, אַז נישט אַלע נשמות זיינען גלייך. עס זיינען דאָ גראָבע, פּראָסטע נשמות... עס זיינען פאַראַן נשמות גרויסע, גאָר גרויסע, פון אונטערן כסא הכבוד". בשעת, דער לערער ביי וועמען דער אינגל לערנט זיך שרייבן מאַכט, מיט גרויס גרימצאָרן, אַש און בלאָטע פון אַלע די מעשיות און מימרות וואָס די מלמדים דער־ציילן. און די אַלע זאַכן שפּילן זיך אָפּ אין שטעטל בשעת זי גייט כאָ־דאָראָם מיט מעשות און בשורות אַז משיח קומט. דער אינגל מאַטערט זיך אַליין צו דערגיין אַ טאַלק אין דעם מורא'דיקן פּלאָנטער און איז תמיד אַזוי פאַרטראַכט, אַז די אַנדערע אינגלעך האָבן פאַר אים נאָר איין נאָמען: „נשמה־יונג!"

לסוף, איין מאָל, פאַלט אים איין פרעגן ביי גיטעלען, דעם לערערס וואוילינקע און קלוגינקע טעכטערל, וואָס איז אַזוינס נשמה? ווייסט זי ניט, נאָר זי דערמאָנט זיך, אַז ווען איר מאַמע עליה השלום האָט גע־

www.libtool.com.cn

לעבט, פלעגט דער טאַטע שטענדיק זאָגן, אַז זי איז זיין נשמה. נאָך וואָס עס קומט די פאָלגנדיקע שאלה ותשובה:

„גיטעלע, דו וואָלסט געוואָלט זיין מיין נשמה?

„און זי האָט גאַנץ שטיל געענטפערט: יאָ“.

אינם „פאָסטוואָגן“ הערט כלומרשט דער שרייבער צוויי אמת׳ע מעשיות וועגן צוויי באַזונדערע אידישע פּאָרלעך, ווי אַזוי זיי האָבן חתונה געהאַט און ווי אַזוי זיי לעבן צוזאַמען. די צווייטע דערציילט אַ קריסטלעכער יונגערמאַן וועגן זיינס אַ שכניש פּאָרפאָלק, וואָס זייער לעבן אָבסערווירט ער מייסטנס פון דער ווייטנס. די ערשטע דערציילט אַ מיטליאָריקער איד וועגן זיך אַליין און זיין ווייב. ביידע יונגע פּרויען ניכעווען, צאַנקען, גייען אויס אויס לויטער לאַנגווייליקייט, וואָרים צווישן זיי און די מאַנען איז ניטאָ גאָר ניט געמיינשאַפטלעכעס, וואָס זאָל זיי צעשטרייען, פאַרבינדן, אַ געמיינשאַפטלעך לעבן געבן. מען פּרוּווט זיך אָבער געבן אַן עצה. די צווייטע ווייבל, וואָס ביי איר טאַטן אין הויז איז זי געווען אַ ביכלעך־לייענערין, פּרוּווט זי זיי פּירליי־ענען פאַר איר יונגעמאַן. דער ערשטער מאַן, רחמנות האָבנדיק אויף זיין יונגער פרוי, פּרוּווט פאַר איר לערנען גמרא. איז אין צווייטן פאַל פלעגט ער גלייך אַנטשלאָפן ווערן, אין ערשטן — זי. דער שלוס־אַקאָרד פון דער מעשה איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר פּרץ׳ן, דער־הויפּט אין זיינע „מעשה׳לעך“, פון וועלכע עס וועט זיין די רייד שפּעטער, אַ שלוס־אַקאָרד וואָס איז אי אַן איבעררראַשונג, אי, ווען מען וואָלט זיך גוט, עס הייסט אונטערערדיש אריינגעטראַכט, וואָלט מען אים געמעגט דערוואַרטן.

דער שרייבער, דער כלומרשטיקער צוהערער צו די צוויי מעשיות, וויל זיי נאָר איינריידן, אַז די ביידע פּאָרלעך זיינען גאָר איינס, די ביידע ווייבלעך איין ווייבל, און ער זוכט און געפינט ענלעכקייטן און פרעגט זיך נאָך אויף פּרטים. ביידע מענער לאַכן פון אים. ביז דער שרייבער כאַפּט זיך און גיט זיך אַליין די ריכטיקע תשובה:

„און דער נאַר בין איך געווען. איין אידיש ווייבל לעבט דען אַזוי?!“

זיינען דאָס וואוילע, שיינע דערציילונגען, אָבער דאָך מיט קאָנ־טיקע פעלערן. ניי ווי זיי זיינען, איז די נייקייט אָבער אַ ריין געאָגראַ־פיש־קלימאַטישע, אַט ווי, למשל, דער פראַנצויז פער לאָטי דערציילט מעשות פון אינדיע. אָפּט זיינען די אָנגעמאָלענע בילדער אַביסל וואַסערדיק. און אָפּט איז דאָ פּרץ׳ס לאַך אַ משכיליש־אָפּלאַכערישער.

איז אויב איך רוף אַן פּרץ׳ן דער מכשף פון פּוילן, איז עס צוליב אַ לאַנגער ריי דערציילונגען פון תיכף אין אַ יאָר אַרום און שפּעטער

און נאָך שפּעטער — דערציילונגען וואָס האָבן געצויגן זייער יניקה פון אַ רייזע, וואָס פּרץ האָט געמאַכט אין פּוילישע פּראָווינץ־שטעטלעך אין יאָר 1889, און אין יאָר 1890 האָט ער זיינע קינסטלערישע איינדרוקן פון דער רייזע אָנגעהייבן דרוקן אין זיין יאָר־בוך „די אידישע ביבליאָטעק".

www.libtool.com.cn

און דאָ קומען מיר צו דער צווייטער רויטער דאַטע אין פּרץ'ס שעפערישער קאַריערע. און די מעשה איז אַזוי געווען.

ביז די לעצטע אַכציקער יאָרן האָט פּרץ געלעבט אין זאַמאָשטש (אפשר אַמאָל אויך אין דער סביבה) פון אַדוואָקאַטור (ניט האָבנדיק געווען קיין סטודענט אין אַ יורידישן פאַקולטעט, האָט ער אָבער, נאָך אַן אויסגעהאַלטענעם עקזאַמען, געקראָגן דאָס רעכט צו פּראַקטיצירן אַלס אַ מין אַדוואָקאַט. אין יענער צייט האָט מען דאָס אין רוסלאַנד געמעגט). אָבער אין סוף פון די אַכציקער יאָרן האָט די רוסישע רעגירונג פּרץ'ן פאַרבאָטן זיין פּראַקטיקע (ווייזט אויס אַז צוליב אַ פּאָליטישן טעם, אָדער ווייל פּרץ איז געווען צו רעוואָלוציאָנער אָדער צו פּויליש־פּאַטריאָטיש געשטימט, אויפן שטייגער פון די פּ. פּ. ס.). אַ פאַרביטערטער איז פּרץ אַוועק אין וואַרשע זוכן אַ באַשעפטיקונג.

פּרץ'ס פאַרביטערטקייט איז אָבער אפשר געווען ניט בלויז קעגן דער רעגירונג. ער איז נאָך אַלץ געווען אַ משכיל און דאָס אידישע לעבן אַרום איז אים ווייט ניט געפעלן געווען און אפשר האָט ער אויך ניט אין אַלץ וואָס איז אים ניט געפעלן געווען באַשולדיקט גראָד די דרויסנדיקע אומשטאַנדן. אַ משכיל, האָט ער מיט פאַרבענקטע אויגן און האָפענונג אַרויסגעקוקט אויף דער גרויסער וועלט, וואָס אין דעם פאַל איז עס געווען וואַרשע (און איך ווייס ניט צי האָט ער זי פון פריער געקענט, און אויב יע, צי פון דער נאָענט). און מיט אַזעלכע געפילן און שטימונגען האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט אין זיין גרויסער וועלט — וואַרשע.

אין וואַרשע האָט פּרץ זיך אַרומגעטריבן אַ היפּשע ווײַלע, חדשים אָדער יאָרן און האָט זיך צו קיין ממשות'דיקעס ניט צוגעשלאָגן. און עס איז זיך אויך שווער פאָרצושטעלן, אַז מאַראַליש־גייסטיק זאָל דאָ זיין אַלטע אַנטציקונג האָבן לאַנג אָנגעהאַלטן. אין פּרץ'ס וואָסערע אָנדערהאַלבן צענדליק בענדער ווערט וואַרשע זייער אָפט דערמאָנט, סיי אין בילד, סיי אין פּראָזע, דאָך איז זיך שווער צו דערמאָנען אויף עפּעס אַ מין אַנטציקונג מיט דעם דאָרט געזעענעם און געהערטן. דערפאַר דערמאָנען מיר זיך צו שטאַרק און צו אָפט אויף די אויפרודערנדיקע און דערנידערנדיקע שטריכן און געדאַנקען פון יוחנן מלמד'ס מעשה־

לעך, דערהויפּט אויף די פאַבריק־סצענעס דאָרט אין „וואָס אַמאָל וויי־ניקער".

www.libtool.com.cn

און אין אָט דערדאָזיקער טרויעריקער צייט פון אַנטווישונג האָט זיך אונטערגערוקט אַן אַנדער מעשה, גאָר פון אַן אַנדער סאָרט. געלעבט און געווירקט האָט אין וואַרשע אַ גוט־באַקאַנטער, שטאַרק־רייכער פילאַנטראָפּ מיטן נאָמען בליאָך (בלאָך). (צווישן אַנדערעס האָט ער אין דער שווייץ, אויפן ברעג פון איינער פון די באַרימטע אָזערעס, אויך געהאַט געגרינדעט און אויפגעהאַלטן אַ פּאַציפיסטישן (פרידנס) מוזיי). דערדאָזיקער בלאָך, כאָטש אַן אונטערגעשמד'טער, האָט אָבער משמעות נאָך פאַרמאָגט אַן אינטערעס פאַר דער אידישער פראַגע. האָט ער אין דער צייט פון וועלכער מיר ריידן, געהאַט באַשלאָסן דורכצופירן אַ סטאַטיסטיש־עקאָנאָמישע אויספאָרשונג פון די אידן אין דער פוילישער פּראָווינץ. האָט ער פאַר דעם צוועק אָרגאַניזירט אַן עקספּעדיציע פון עקאָנאָמיש און געזעלשאַפטלעך פּאַסיקע אידישע אינטעליגענטן. איינער פון דער גרופּע איז אויך געווען נחום סאָקאָלאָוו, איז אפשר האָט ער עס טאַקע די צוויי צונויפגעפירט. פּרץ איז גערן אַוועק אין דער עקספּעדיציע צוערשט טאַקע אינאיינעם מיט סאָקאָלאָוו'ן, אָבער אַביסל שפּעטער, אפשר טאַקע ווייל ער האָט דורכויס געוואָלט אַריינגעמען אין זיין קרייז זיינע אייגענע שטעט און שטעטלעך פון לובלינער גובערניע, — איז ער אַוועק אַרום דער זאַמאָשטשער סביבה. זיין אויפגאַבע אַלס סטאַטיסטיש־עקאָנאָמישער אויספאָרשער האָט פּרץ טאַקע דערפילט בשלמות, אָבער סיי סאָקאָלאָוו, סיי די אַנדערע מיטגלידער פון דער קאָמיסיע האָבן גלייך איינגעזען, אַז פּרץ באַטראַכט זיין געביט דורך צוויי פּאָר ברילן, איינע אַ סטאַטיסטיש־עקאָנאָמישע, די צווייטע אַ אידיש־ליטעראַרישע און, ווי עס ווייזט אויס, איז די צווייטע ביי אים געווען דאָס וויכטיקסטע.

פּרץ האָט איצט מיט גאָר אַנדערע אויגן איידער פריער, ווען ער איז נאָך געווען אַ דאָרטיקער, געקוקט אויף זיינע שטעט און שטעטלעך, אויף זיין פּוילן. פריער האָט ער אויף זיי געקוקט מיט די וואָכעדיקע, אפשר נאָך ווייניקער ווי גלייכגילטיקע אויגן פון אַ האַלב־כעס'דיקן משכיל, וואָס שטענדיק האָט ער פאַר זיין בליק דעם הויכן קאָנטראַסט פון „דער גרויסער וועלט". אָבער איצט האָט ער אויף זיי געקוקט ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטער, בעל־תשובה'דיקער צוריק־וואַנדערער, וואָס האָבנדיק פאַרלוירן זיין גרויסן אידעאַל, קערט ער זיך אום צו זיין ליבער אַלט־אַלט אויסגעוואָרעמטער היים.

און מיט אַזאַ גייסט און גוסט האָט איצט פּרץ באַנייט זיינע דערציילונגען און בילדער פון די פּוילישע שטעט און שטעטלעך און פאַר

www.libtool.com.cn

אַט דעם נייעם מין שרייבן און נייעם מין פּוילן, באַצייכן איך דאָ פּרץ'ן, ווי איך האָב אים באַצייכנט אין יאָר 1921, אין מיין ביכל (אַרויס פון איד. נאַצ. אַרב. פאַרבאַנד) מיטן נאָמען „די דריי זיילן פון דער נייער אידישער ליטעראַטור" — „דער מכשף פון פּוילן", אפשר האָבנדיק דאַן אין מיין אונטערבאַוואוסטזיין די ענגלישע פּראָזע .The Wizard "of Poland" וואָרים, מיט אַ משה רבינו'ס שטעקן האָט פּרץ דאָ אַרויסגעבראַכט פון אונטער דר'ערד, פון אונטער פעלזן און אָזערעס, אַ ניי לאַנד, דאָס אידישע פּוילן, אַ קאָלירפול לאַנד, פול מיט שיינקייט, פול מיט גופיקער און גייסטיקער צאַפּלדיקייט, פול מיט ניט געמיינ־טער טעאַטראַלישקייט, פול מיט ליבע און ליבלעכע בילדער. און ווייל ס'איז דאָ פאַראַן אי אַ פרישע, אין אַן אָפּגעפרישטע אָבסערוואַציע, זיינען די בילדער קלאָר און העל און לחלוטין ניט פאַרוואָסערט, כאָטש זיי זיינען ניט־ווילנדיקערהייט אונטערגעשלאָגן מיט עקאָנאָמישע באַ־טראַכטונגען. און ווייל ס'איז דאָ ניטאָ קיין אָפּלאַכעריי און קיין גנבישע־פאַרזשמורעט אויגל, זיינען אונז די מענטשן די יונגע, אַזוי ברידער־לעך־שוועסטערלעך ליב, בשעת די אַלטע זיינען אונז אַזוי דרך־ארץ־דיק טייער.

פּרץ'ס באַנייטער דעביוט פון דער לובלינער פּראָווינץ, תיכף נאָך זיין רייזע, זיינען געווען דריי־און־צוואַנציק „רייזע־בילדער" אין זיין יאָר־בוך פון 1890, „די אידישע ביבליאָטעק". מיר האָבן דאָ קינדער, מיר האָבן דאָ איידעלע בעל־הבתים, מיר האָבן צוויי רבנים, אַ רבי'צין און גאָר, גאָר אַן עלנטע פרוי. מיר האָבן דאָ קהל'שע פּירער, מיש־טיינס געזאָגט, אַ שמש, אַ שוחט, אַן אַלט־מאָדיש פאַרראָסטעטן משכיל און אַ גאָר־גאָר דערשלאָגענעם חסיד, וואָס אַז מען טרעט אים גראָב אָן אויף זיינע חסידישע הינדער־אויגן קען ער גאָר פייערדיק פאַרפאָרן אַ חצוף אין באַק. און מיר האָבן אויך מענטשן, אַזוי צו זאָגן, אַרויס־געוואָרפענע פון דער שטעטלשער געזעלשאַפט, אָדער זיי האָבן זיך אַליין אַרויסגעוואָרפן: אַן עמיגראַנט, אַ משוגענער, אַ מסור.

פּראָפעסאָר לעאָ וויענער, אין זיין ענגלישער „געשיכטע פון דער אידישער ליטעראַטור פון 19טן יאָרהונדערט", באַצייכנט די „רייזע־בילדער" אַלס נאַטוראַליסטישע. שרייבנדיק איצט, בין איך גרייט די בילדער צו באַצייכענען אַלס נאַטוראַליסטישע נאָר אין איין זין: עס איז אַ קונסט אַזוי פריש און געזונט און לחלוטין ניט דעקאָרירט, אָט ווי די נאַטור אַליין. עס איז, אַ שטייגער, אָט ווי ווען אַ פויער אַ קינסט־לער זאָל נעמען און פון שטאָם פון אַ דעמב זאָל ער אַרויסהאַקן, אַרויס־הובלעווען אַ פּרעכטיק, אַן אויסגעקיילעכיקט און ווי אַ פאַרמעט נישט

www.libtool.com.cn

דורכגעלעכערטע שיפל. דאָס זיינען בילדער, אָט ווי איז אַ רעפּאָרטאַזש — דער ערשטער רעפּאָרטאַזש אין אונזער ליטעראַטור. בילדער דאָ און דאָרט, אָבער מיט בילדלעכקייט שוויבלט און גריבלט; מענטשן־בילדלעכקייט, וואָס איז אַרומגעלייגט אַזוי ווי אתרוגים ערב סוכות מיט קלאָר־ווייסע וואַטע, מיט ליבשאַפט און צערטלעכקייט און איידלסטער מענטשלעכסטער באַנעמונג.

נאָך די „רייזע־בילדער" זיינען געקומען פיל צענדליקער און אפשר מער נאָך גרויסע און קליינע דערציילונגען, וועלכע האָבן זיך געצויגן פון פּרץ׳ס מוח אַזוי ווי טייערע, שיינענדיקע סטענגעס (און טאָמער האָט פּרץ אויף עפּעס אַ זאַך פאַרגעסן, האָט ער זיך אויף איר דערמאָנט מיט יאָרן שפּעטער און זי אויך אַרויסגעגראָבן פון איר באַהעלטעניש). און אַזאַ גלאַנץ, אַזאַ ליכט, אַזעלכע וואונדערלעכע ליבע געשטאַלטן, אַזעלכע זעלטענע זיטן, אַזאַ קאַליידעסקאָפּ פון קוועליק־שימערירנדיקע פיגורן.

אָט איז, למשל, „דאָס וואַסערל", אַ מעשה וועגן אַ לאַמעד־וואָווניק, דערציילט פון אַ אידן, וואָס איז דוקא ניט אַזוי אָפּגעשטאַנען, דוקא ניט נאַריש, אָבער ער דערציילט עס מיט אַזאַ נאַאיווער פרישקייט און ערלעכקייט, אַז עס איז באַלד שווער אים ניט צו גלויבן אַז דאָס וואַסערל, לעבן וועלכן ער שטייט און פון וועלכן ער דערציילט, איז עס טאַקע אַן איבערבלייבעכץ פון אַ רעגן־מבול וואָס דער לאַמעד־וואָווניק האָט מיט זיינע הייליקע שמות געהאַט אַראָפּגעצויגן פון הימל. און אָט איז אַ גרויס בילד „אייזיקל שעכט", וואָס איז פול מיט פאַרב און גלאַנץ ווי אַ קאַרניוואַל, וואָס בורבלט מיט הום און זשום אַזוי ווי אַ יריד, און אַלץ שפּילט זיך אָפּ אין האַלב־פינצטערניש, אין אַ בין מנחה־למעריב, אין אַ בית־מדרש׳ל, און דער העלד פון אַלעמען איז אַ פּראָסטער חי־וקימ׳דיקער חברה־קדישא־איד, אָבער ער קען קיין עוולות ניט פאַרטראָגן און וויל צווינגען די קהלה מקיים צו זיין די מצוה פון זאָרגן פאַר יתום פון אַן ערלעכן איידעלן מלמד, וועלכן ער האָט ערשט צו קבורה געבראַכט.

און אָט איז דער „פאַרשאָלטענער ברונען", אַ ברונען אַרומגעפלאָכטן מיט מעשות און לעגענדעס אָט ווי אַ טייכעלע וואָס איז אַרומגערינגלט מיט קוואַקענדיקע, שפּרינגענדיקע זשאַבקעלעך. און לעבעדיקע און טויטע און נאַאיווע מענטשן און כיטרע און קלאָרע און משוגעים דרייען זיך אַרום דעם ברונעם ווי אין אַ וויר־וואַר. לייענסטו און הערסט און ווייסט ניט אין וואָס פאַר אַ וועלט פון טאַנצענדיקע, זשומענדיקע וועזנס דו ביסט עס אַריינגעשליידערט געוואָרן.

און אָט איז „חתונה געהאַט״. אַ מעשה וועגן אַ שיין, יונג, ערלעך, האַלב־בעל־הבית׳יש מיידל, וואָס האָט איבערגעוואָלד זיך אָפּגערייסן פון אַן איידעלן יונגן געליבטן און איז אַוועק אונטערן „הימל־בעט״ פון אַן אַלטן, מיאוס׳ן, האַרטן מאַן, בכדי צו ראַטעווען אירע ליבע על־טערן. אַזויפיל ליבשאַפט, אָפּענע און פאַרשטיקטע, אַזויפיל צער, אַזוי־פיל פאַרשטענדעניש און געוויסנס־פּיין פון די עלטערן און אַזויפיל פאַרגעבונג און געטריישאַפט פון דער טאָכטער — און אַזויפיל שטיל, ניט אויסגעכליפּעט געוויין, דאַכט זיך אַזש פון די סאַמע הימלען.

און אָט אַזוי טויכט פאַר אונז אויף אַ נייע פּוילן. אַ נייער ים און אַ נייע יבשה. אַזויפיל מענטשלעכקייט, אַזויפיל הערלעכקייט און שיינ־קייט. און וואו איז דאָס אַלץ פריער געווען?

אַזוי ווי מחמד זיין תורה פון דעק פון אַ ברונים, אַזוי האָט פּרץ, דער מכשף פון פּוילן, אַ מאַך געטאָן מיט זיין צויבער־שטעקן און דאָס וואונדערלאַנד איז אַרויפגעשוואומען, פאַרן אויער אַ סימפאָניע, פאַרן אויג אַ זון, אַ פרייד פאַר מענטשן, אַ נחת־רוח פאַרן בורא אין הימל.

## פּרץ׳ס מעשהלעך

אין אַ וועלט פון ריינער ליטעראַטור, אָן פילאָזאָפיע, אָן מאָראַל, אָן איזמען, אָן דאגות וועגן דעם תכלית פון דער וועלט, וואָלט איך גאָר געזאָגט, אַז פּרץ׳ס מעשה׳לעך, וועלכע ער האָט, דאָ זיך צורייסנ־דיק און דאָ זיך אָפּרייסנדיק, געשריבן אין משך פון וואָסערע צוועלף־דרייצן יאָר, פון 1888 ביז 1901 — אַז די מעשה׳לעך זיינען דאָס סאַמע בעסטע פון זיין גאַנצן שאַפן. האָבן מיר דאָך דאָ אַלע בעסטע מעלות פון אַלע זיינע שאַפונגען, אַחוץ נאָך אַ פּאָר אַזעלכע וואָס דאָרט זיינען זיי ניטאָ. אָבער גיי זאָג דאָס בעסטע, און נאָך אין אַזעלכע יאָמערלעכע צייטן ווי אונזער איינעם קומט אויס דורכצולעבן, וועגן אַ מימרא אַז די גאַנצע מענטשהייט איז נאָר אַ קופּע גאווה׳דיק אָנגעבלאָזענע ווערימ־לעך („אין געמויזעכץ״) אַז די פּרוי איז אַזוי האָפנונגסלאָז פאַרדאָרבן, אַז אפילו טראָגן זי אין הימל אַריין וועט איר ניט העלפן, וואָרים זי׳ט זיך ניט לאָזן („די אכטע אָפּטיילונג אין גיהנום״) אָדער אַז דער העכס־טער, הייליקסטער מענטשלעכער אידעאַל פון אונזערע צייטן, דער סאָ־ציאַליזם, איז מער ניט ווי אַן איבערטאַשונג פון די קרעפּטן און די קרעפּטיקע און דער וואָס איז היינט אונטן אַ געדריקטער וועט מאָרגן זיין אויבן אַ דריקער („די דין תורה״).

אָבער, פון דער אַנדער זייט, וואָס זאָל אַ נאַש־בראַט, וואָס פּילט זיך באַרופן פאַר דאָס שיינע און טיפזיניקע, טאָן אויב ניט רופן דאָס

פאָלק פון דעם הנאה האָבן, אויף דעם אַ ברכה מאַכן, אויף דעם פאַר־
טראַכטן און פאַרקלערן זיך. פעלן דאָך ניט קיין פאַרטיידיקער פון
דאָס פלאַטשיקע און גרינג־קעפּיקע.

www.libtool.com.cn

וואָרים דאָס זיינען דאָך פּרץ׳ס מעשה׳לעך, אַ פאַראייניקונג פון דאָס שיינע מיט דעם טיפּזיניקן, פּאָעזיע און פילאָזאָפיע פאַרבונדן צוזאַמען, ווי עס איז בכלל די מאָדערניסטישע ליטעראַטור. און דאָ איז טאַקע פּרץ דער געוואַגטסטער „באַן־ברעכער״, נאָכמער נאָוואַטאָר ווי ערגעץ אַנדערש. פיל פון זיינע מעשה׳לעך זיינען טאַקע ניט עפּעס אַנדערש ווי סימבאָלן. זיינען דאָך די ווערימלעך פון „אין געמוי־זעכץ״ ניט קיין בילדער פון יענע אַרומקריכנדיקע רמשים נאָר סימבאָלן, וואונקען, רמזים אויף די מענטשן; איז חנינא, דער בעל־עגלה, פון „דין תורה״ דער סימבאָל פון בעל־הבית און זיין שקאַפע, דער סימבאָל פונם אַרבעטער; זיינען די שיך און די קאַמאַשן און די אַנדערע שלו־רעס פון „מיסט־חלומות״ דער סימבאָל פון כל ישראל, וואָס ליגנדיק טיף אין דר׳ערד קען עס דאָך צווישן זיך ניט צעטיילן זיך מיט זיין יחוס; איז „די רויז״ דער סימבאָל פון דער פרוי, וואָס צירט זיך איר גאַנצע יוגנט פאַרן שענסטן און נאָבעלסטן און קומט אָן דעם ערגסטן שיכור; זיינען דאָך „דריי מאָל גערופן״ — דאָס הערלעכסטע אין פאָרם און דאָס טיפסטע אין אינהאַלט — דריי סימבאָלן פון דעם מענטשנס דריי (אָבער פאַרבונדן אין איינס) שטרעבונגען, פון דער ווילד־שטורעמדיקער יוגנט, פון דער אָפּגעקילט־פאַרגליווערטער, בלויז דורך אינערציע זיך באַ־וועגנדיקער מיטליאָריקייט און פון דער פלעגמאַטיש־אָפּגעטויטער, שוין מיטן „ניט־זיין״ שלום געמאַכטער, אָבער נאָך אַלץ מיט אַ האַלב־אָפּע־נעם אויער אויף נאָך עפּעס האָרכנדיקער אַלטקייט.

זעלטן־ווען לויכט אויף אַ פונקעלע האָפענונגספולקייט אין פּרץ׳ס אַ מעשה׳לע, ווי למשל טאַקע אין „דריי מאָל גערופן״, וואו דער שלום קען אויך באַטייטן, אַז אַלע דריי רופן קומען פון איין רופער, דאָס הייסט, אַז צום טויט רופט עס דער זעלביקער וואָס רופט צום לעבן, וואָס הייסט ווייטער, אַז אויך דער טויט קען, נאָך אַלעמען, זיין פאַר־בונדן מיטן לעבן. אָדער אין דעם מעשה׳לע „ביים פּאָקיר״, וואו אַן אַראָפּגעוואָרפענער שררה (אַראָפּגעוואָרפן ווייל ער האָט ניט געקענט זיך בוקן פאַר וועמען מען דאַרף) בעט אַן אינדישן מכשף, ער זאָל אים איינשלעפערן אויף יאָרן און יאָרן, ביז די עקלהאַפטע צייט וועט פאַרי־בער. דער פּאָקיר וויל ממלא זיין די בקשה, אָבער ער זאָגט:

„איך קלער נאָר ווער וועט דיך (אין אַזויפיל יאָרן אַרום) וועקן? איך נישט... מיינע קינדער און קינדס־קינדער אויך נישט... ווער וועט דיך געדענקען?״

„שרעק זיך נישט — ענטפערט דער שרהח — מיך וועט וועקן די צייט ; גאָר שטיל וועט זי נישט קומען״.
www.libtool.com.cn
הייסט עס, גלויב אין צייט־גייסט, אין רעוואָלוציע.

ס׳איז ממש נשתומם צו ווערן, ווי ווייט פּרץ האָט ליב געהאַט דידאַ־זיקע פּאָרמע, ווי ער איז אין איר געשוואומען ווי אַ פיש אין וואַסער. אַט אַביישפּיל. אין פלוג, וואָס האָבן די חסידישע מעשות, ריין־אידישע שאַ־פונגען, מיט ריין־אידישע, פאַר דער ברייטער וועלט „ווינקלדיקע״ ענינים זיך פאַרנעמענדיקע, וואָס האָבן זיי צו טאָן מיט פאָרמען וואָס זיינען אַזוי קאָסמאָפּאָליטיש־אוניווערסאַליסטיש ? אָבער פּרץ איז אַזוי פאַרליבט אין דער פאַנטאַסטיק, אַז אומעטום געפינט ער זי אויס און אומעטום וועבט ער זי אַריין. איז האָבן מיר אין „שהשמחה במעונו״ (די שמחה שטאַמט פון גאָט), אַ חסידישע תורה וועגן דעמדאָזיקן ענין, וואָס געזאָגט ווערט זי אין דער פאָרמע פון אַ שמועס, אָבער ענדיקן ענדיקט זי זיך מיט אַ מעשה מיט אַ בן־מלך, וואָס זייענדיק גייס־טיק קראַנק און אַנגעפילט מיט עקל אפילו צו דאָס שענסטע, קריגט ער אַ תיקון דורך דעם וואָס עס רייסט זיך אָפּ אַן עפּל פון אַ בוים אין זיין גאָרטן און אַ פאַרשמאַכטער צדיק הייבט אים אויף און בייסט איין און מאַכט אַ ברכה. און „דאָסביימעלע״ (פון „נסים ונפלאות״) זינגדיקט דערמיט וואָס עס וואַרפט אַריבער זיינע צווייגן איבערן פאַר־קאַן און די עפּלעך וועקן ביי די הדר־אינגעלעך די תאווה פון „לא תחמוד״, באַשטראָפט עס דער רבי דערמיט וואָס פון אַן עפּל־ביימעלע ווערט עס אַן „אילן־סרק״ — אַ נאָדל־ביימל.

„און יעדע האַלבע נאַכט, ווען אַלץ שלאָפט איין, הערט מען, ווי דאָס ביימל קרעכצט און קלאָגט זיך : „עס מאַכט איבער מיר קיינער קיין ברכה נישט, עס האָט קיינער פון מיר קיין הנאה נישט...״

„און עס דאַרט דאָס ביימל פאַר צער, פאַר גרויס בענקעניש״.

קענט איר ביי מיר פּועל׳ן, אַז דידאָזיקע וואונדערלעך־שיינע מעשה׳לע האָט גאָר ניט צו טאָן מיט חסידות, קוים־קוים אַ האָר מיט קבלה. עס בלייבט דאָך אָבער דער פאַקט, אַז פּרץ איז אַזוי רייך מיט בענקענדיקן גייסט, אַזש ער טיילט אים אָפּ אפילו אויף אַ פּראָסטן ביימל. גרויסע בענקעניש, לעכצעניש, אפשר איז דאָס דער טייך וואָס האָט אונטערגעשווענקט פּרץ׳ס נשמה, האָט עס אים פאַרן פּאָעט, פאַרן וואונ־דער־צויבערער, פאַרן מחיה מתים פון טויטע זאַכן געמאַכט, האָט עס דורכגעווייקט אַזויפיל פון זיינע מעשה׳לעך, האָט ער פּראָזאַאישע פון צווישן זיי פאַר טיף־בענקענדיקע געמאַכט, האָט ער פּראָסט פּשוטע שטעטלשע געגנגעלעך און אַוואַיעס אין פאַנטאַזיעס איבערגעקנאָטן.

אַט איז איינע פון פּרץ׳ס גאָר ערשטע מעשה׳לעך : „ער שפּילט

פאַרן טייוול", אַ פאַנטאַזיע אויף אַ שטעטלשן אַנעקדאָט וועגן אַ קלעזמער, וואָס האָט אויף אַ חתונה זיך פאַרליבט אין אַ מיידל. איז „אויף דער חתונה וואו זי איז געווען, האָט ער געשפּילט שטענדיק וויינענדיק... שטענדיק האָט זיך זיין ווייטיק געגאָסן און געגאָסן". און אַז די גראָבע בעלי־שמחה פאַרשטייען ניט און מאַנען „פריילעכס" וואַרפט ער די פידל צו דער ערד און הערט גאָר אויף שפּילן. „נאָר טיילמאָל, האַלבער נאַכט, מערסטנטיילס אין אַ לבנה־נאַכט — הייבט ער זיך אויף, נעמט אַראָפּ די פידל פון וואַנט...

„ער שפּילט אַמאָל וויינענדיק, אַמאָל לאַכנדיק; אַמאָל בעט ער, אַמאָל בייזערט ער זיך; אַמאָל רייסט ער די סטרונעס, אַמאָל גלעט ער זיי אַזוי איידל, אַזוי פיין, אַזוי האַרצעדיק־ווייך, אַז עס צעגייט אין אַלע גלידער.

און דער עולם זאָגט:

— ער שפּילט פאַרן טייוול".

אַן אַנדער ביישפּיל פון פּרץ'ס פאַנטאַסטישן ליריזם, אפילו אין מיטן פון אַ כמעט געוויינטלעכער שטעטלשער מעשה, איז די אויך גאַנץ פריע „משיח'ס צייטן". דער משוגענער פון שטעטל דערציילט די זעלטנסטע מעשות וועגן משיח'ן.

יעדער וועט אים דערקענען, משיח'ן. אַן חיילות, אַן פערד, אַן אַ שווערד אפילו. אָבער מען וועט אים דערקענען דורך די פליגלען וואָס ער וועט האָבן. צוערשט וועט געבוירן ווערן אַ קינד מיט פליגלען...

און דער דערציילער לאָזט זיך פאָרן איבער דער וועלט זוכן משיח'ן און ער טרעפט אים טאַקע אַן — אַ קינד ערשט געבוירן, מיט פליגלען. און דאָ קומט — ווי אַ פאַטש צו גוט שבת — די ביטערסטע סאַטירע. דריי דורות, אַ זיידע, אַ טאַטע און אַן אייניקל, נעמען אויף דעם זעלטענעם חידוש יעדער אויף אַן אַנדער שטייגער. דאָס אייניקל איז אַנטציקט. דער אינגל וועט פליען אין הימל אַרויף. איז דען דער הימל ניט שענער פון דער ערד? אָבער דער טאַטע טראַכט: אין דער הויך איז ניטאָ קיין קרעטשמע צו דינגען, קיין „פּאָדריאַד" צו נעמען. בשעת דער זיידע איז גאָר אין כעס: אין דער הויך, זאָגט ער, איז ניטאָ קיין שול, קיין קלויז. נישטאָ קיין שטעג אויסגעטראָטן פון קדמונים.

דערביי קומט אַריין די באָבע און לאַכט פון אַלע דריי. „נאַרישע מאַנסבילן — מאַכט זי — וועגן וואָס זיי קלערן... און דער רב... צי וועט ער אים לאָזן מל'ע זיין? צי וועט ער לאָזן אַ ברכה מאַכן איבער אַ קינד מיט פליגל?"

פעלן ניט קיין סאַטירעס, ביי פרץ'ן דעם סאַטיריקער, אין די מעשה'לעך. אָבער בלויז „חוזק", דער סימבאָל פון סאַטירע און איראָניע איז געשריבן צו קרעפטיק־שטעכיק־ביטערלעך:
www.libtool.com.cn

— וואו געפינט מען אים (חוזק'ן)?

— וואו נישט?... אָפט זיצט ער תפוס!

— ווי זעט ער אויס?

— ווי חוזק... זיינס אַ בליק קען קיין בעל־הבית'ישער מענטש נישט אויסהאַלטן...

— פון וואַנען לעבט ער?

— ...האָט מען אים געמאַכט פאַר אַ מגיד. העלפט גאָט, שטאַרבט אַ ראש־הקהל... מאַכט ער אַזאַ הספד, אַז דער גאַנצער עולם איז שיר נישט צעקנאַקט געוואָרן פאַר געלעכטער...

— ווי לאָזט מען אַזוינס אַריין אין אַ אידיש הויז?

— מען לאָזט טאַקע נישט, ער גנב'עט זיך דאָך אומעטום אַריין... מען היט זיך פאַר אים ווי פאַר פייער... נשים — רחמנא לצלן! — זיינען מפיל פאַר שרעק! אפילו בתולות..."

די שאַרפסטע און די שניידנדיקסטע סאַטירע צווישן די מעשה־לעך, איז דער „כל בו", דער סימבאָל פונם אינטעלעקטועלן חונף, דאָך געשריבן איז זי מיט דער זעלטנסטער עלעגאַנץ.

„און אַ וואונדערלעך חיה'לע איז דער כל־בו'ניק געוועזן! אָן ביינער, פון סאַמע ווייך פלייש און דאָס קעפל האָט זיך לויז געדרייט אויפן האַלז, ווי אויף אַ גוט־געשמירטן שרייפל! ער האָט זיך נישט געדרייט פון אָרט און מיטן קעפל געדרייט קיין מזרח, קיין מערב, קיין צפון, קיין דרום — וואו איר ווילט נאָר אליין! און ווייל ער האָט יעדן צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, האָט ער מיט אַלעמען בשלום געלעבט און פון קיינעם — און מיט קיינעם גלייך ניט געליטן!"

דערפאַר אַז דער כל־בו שטאַרבט און ער וויל מיט אַלע חיות, עופות און אַנדערע באַשעפענישן אין יענער וועלט אָפּפליען, נעמט אים קיינער צו זיך אין קאמפּאַניע ניט אריין, ווייל, כאָטש ער פאַרמאָגט עפּעס פון יעדן, איז דער עפּעס נאָר אַ האָר (קיין אייגנס פאַרמאָגט ער אודאי ניט). לסוף בלייבט, אַז יעדער מין זאָל זיך אַרויסצופּן זיין חלק פונם כל־בו. בלייבט ביי יעדן מין בלויז אַן אויסגעצופּטע הערעלע, אי דאָס רייסט עס זיך אָפּ ביים ערשטן ווינט און בלייבט הענגען אין דער לופט.

דער טיפער, שיינער, שטעכעדיקער אָבער אויך בענקענדיקער אינ־

האַלט פון פּרץ׳ס מעשה׳לעך ווערט דערגענצט פון דער וואונדערלעך־פּאַסיקער פאָרמע, פון דער זעלטענער טעכניק.

www.libtool.com.cn

און די פאָרמע־שיינקייט באַשטייט, ערשטנס, פון דער שפּראַך. פּרץ ספּעציאַליזירט זיך אין דעם גערמאַנישן עלעמענט פון אונזער אידיש. מענדעלע האָט באַרייכערט דעם העברעאישן עלעמענט; שלום־עליכם האָט פאַרשטאַרקט דעם סלאַווישן; פּרץ, אפשר אַ דאַנק זיין פוילישקייט, און אפשר אויך אַ דאַנק זיין אַריבערשפּרינגען אין אידיש גלייך פון דער העברעאישער השכלה און וועלטלעכקייט, האָט זיך אָפּגעגעבן מיט אויסבילדן דאָס גערמאַנישע אין אידיש. נישטאָ ביי אים קיין דייטשמעריש, נישטאָ דאָ קיין אַקאַדעמישקייט, קיין געלערנט־קייט. ער קולטיווירט נאָר דעם שטאַרקן גערמאַנישן קלאַנג. ער נעמט נאָר דאָס דאָזיקע נייע גערמאַנישע וואָרט, וואָס זייענדיק אַ צווילינג צום אידישן, וועט עס דעם אידן לייכט פאַרשטענדלעך זיין. ווייטער, פאַרשאַרפט ער, פאַרשפּיצט ער דאָס אידישע וואָס איז געצויגן פון גערמאַניש. פּרץ׳ס שפּראַך איז אי ווייך, אי קלאַנגפול; אי אַריינדרינ־גנדיק, אי ראַפינירט.

פּרץ׳ס מעשה׳לעך זיינען געשריבן מיט אַן אויסנאַמדיקן צמצום. שרייבנדיק קורץ, פאַרפעלט ער אָבער קיין זאַך ניט. די קורצקייט גיט דער זאַך צו עפּעס אַ מין גלאַנץ. צום ביישפּיל „מיסט־חלומות״, מיט איר גאַנצן טרויער און מיט איר גאַנצער איראָניע, פאַרנעמט בלויז קנאַפּע צוויי זייטלעך.

דאַן קומט צו דער אויפשטעל. יעדע מעשה׳לע איז אַזוי געפּלאַ־נירט, אַז יעדער טייל זאָל זיין אויפן ריכטיקן אָרט און זאָל נאַטירלעך זיך צוזאַמענוואַקסן מיטן צווייטן.

זייער אָפט בויט פּרץ זיין מעשה׳לע אַזוי, אַז איר קראַפט האַלט כסדר, הגם נישט געזענערהייט, אין איין אַקומילירן זיך. דער הויפּט־עפעקט קומט צום סאַמע לעצט, פּלאַצט אַרויס ווי אַ ראַקעט, פון אויבן־אויף דאַכט זיך אומדערוואַרטעט, אַזוי אַז דער לעזער, בלייבנדיק גע־פּלעפט, ווערט אָבער באַלד אָנגענעם באַווירקט.

צו דעם קומט נאָך צו דער שטעכיקער, אויפרודערנדיקער, אָבער אממיינסטן עלעגאַנטער, בילדער־רייכער, בויגעוודיקער, שוואונגפולער, רעגנבויגנדיק־בליצנדיקער סטיל — טריומף פון געדאַנק, איינגעוויקלט אין טריומף פון דער פראַזע!

איך שליס דאָס קאַפּיטעלע מיט אַן אויסצוג פון דער דורכויס וואונ־דערלעך־שיינער מעשה׳לע „דריי מאָל געגרופן״. דער אויסצוג איז פון צווייטן רוף, דעם רוף פון אינערציע.

www.libtool.com.cn

„צו מיטאָג האָבן זיך אויפן הימל צוזאַמענקליבן לייכטע, זילבער־נע, דינע געפל, וואָס האָבן זיך צוזאַמענגעהעקלט און ווי אַ פיין־געשפּו־נען טישטוך אויסגעשפּרייט און פון צווישן די לעכלעך זיינען טראָפּן ווי טרערן פון אויגן געפאַלן... דערנאָך האָט דאָס טריפן אויפגעהערט, די לייכטע נעפּעלעך צעשווימען זיך. די זון גייט אונטער, דאַרף ווערן טונקעלער; די לייכטע נעפּעלעך צעפאַלן זיך — ווערט ליכטיקער...“

„בלייבט עס שטיין! — נישט ליכטיקער ווערט, נישט טונקעלער... עס האָט זיך די צייט ווי אָפּגעשטעלט! דער אומרו פון וועלט־זייגער איז שטיין געבליבן!...

איך שטיי דערשראָקן.

און וואָס וועט זיין, אויב דער פּאַדים, וואָס באַוועגט אַלץ, האָט זיך ווירקלעך אָפּגעריסן? אויב איך בין אויפן גרעניץ פון דער צייט, עס שלאָגט אויס איר לעצטע סעקונדע! און דאָס, וואָס עס איז, וועט שוין אַזוי לעבן און דויערן אייביק; נישט פאַרענדערן זיך, נישט אויפ־הערן...“

## פּרץ׳ס חסידישע מעשות און „פאָלקסטימלעכע געשיכטן“

מיר קומען איצט צו פּרץ׳ס רויטסטער און גרעסטער שאַפונגס־דאַטע, וואָס איז אויך די רויטסטע, גרעסטע דאַטע אין מאָדערנעם אי־דישן פאָלקס־לעבן.

אין יאָר 1896־7 דערשיינט הערצל׳ס „אידנשטאַט“ און עס ווערט צונויפגערופן דער ערשטער אַלוועלטלעכער ציוניסטישער קאָנגרעס. אין דעמזעלביקן יאָר, נאָכדעם ווי אידישע סאָציאַליסטן זיינען געווען אָנגעהעריקע צו סאָציאַליסטישע פּאַרטייען און קרייזלעך אין רוסלאַנד פון צענדליקער יאָרן, טרעט אַרויס אויף דער אַלרוסישער פּאָליטישער אַרענע די זעלבשטענדיק־אָרגאַניזירטע אידישע סאָציאַליסטישע און רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי „דער בונד“.

אין קנאַפּע צוויי יאָר אַרום וויקלט פּרץ, דאַמאָלס דער גרעסטער סיי אידישער, סיי העברעאישער פּראָזע־שרייבער, אין דעם אָלס רע־זולטאַט פון דער ערשטער (אונטערערדיש אפשר אויך פון דער צוויי־טער) געשעעניש, דערשיינענדיקן בלאַט „דער יוד“ — מיט זיינע חסי־דישע מעשות פאַנאַנדער די פאָן פון אידישן נאַציאָנאַליזם.

דער אידישער נאַציאָנאַליזם — דאָס איז די אַרויסגעזאָגטע, שאַרף־קלאָרע באַטייטונג פון פּרץ׳ס חסידישע מעשות. דאָס פאָלק האָט לאַנג

געוואָרט אויף אַזאַ ליטעראַטור־פּראָקלאַמאַציע. דאָס פאָלק האָט גע־וואָרט אויף אַ רעוויזיע פון דער חסידות אין דער ליטעראַטור פונם סאַמע אונטערגאַנג פון דער השכלה, אין אָנהייב פון די אַכציקער יאָרן. פּרץ׳ס לעזער, סיי די אידישע, סיי די העברעאישע, האָבן שוין לאַנג געוואָרט אויף אַ דערפרישונג, אויף אַן אויפמונטערונג נאָכן פּעסימיזם פון פּרץ׳ס מעשה׳לעך. דאָס פאָלק האָט אודאי און אודאי געוואָלט הערן דעם מעכטיקן אויסדרוק פון די גרויסע געשעענישן פון 1896־7. פּרץ׳ס חסידישע מעשות זיינען געווען דערדאָזיקער אויסדרוק, מער נאָך ווי מיט זייער ליטעראַרישער גרויסקייט — מיט זייער צייטמעסיקייט.

אין די חסידישע מעשות האָט דאָס פאָלק געלערנט די נייע און איצט אָפּגעפרישטע אידישע תורה פון פאָלקס־ברידערלעכקייט, פון אהבת הבריות, פון שמחה, פון דינען גאָט מיט שמחה, פון גייסטיקייט, פון פעסטקייט און בטחון און אידישן שטאָלץ. אין די חסידישע מעשות האָט דאָס פאָלק, אין אַ שרעקלעך יאָמערלעכער צייט אין זיין לעבן, גע־לערנט אַז דאָס אידישע פאָלק פאַרמאָגט נאָך אַ סך פּראַכט, אַז ערשט מיט אַ פּאָר דורות פריער (און אפשר נאָך אויך איצט) האָט דאָס אידישע פאָלק פאַרמאָגט גרויסע און הערלאַישע לערער און פירער. דאָס אַלץ האָט דאָס פאָלק געלערנט אין פּרץ׳ס חסידישע מעשות און זיין ליב־שאַפט און גלויבן אין אידישן פאָלק האָט זיך געוואָרעמט, געשטאַרקט און געהייבן.

אַ סך פרייד איז געלעגן אין פּרץ׳ס פּראָקלאַמירונג פון זיין פולן, גאַנצן נאַציאָנאַליזם.

ניט נאָר פרייד ביי פריינט, נאָר אויך די פולסטע אָנערקענונג ביי קעגנער, ווי ווייניק זיי זיינען געווען, האָבן די חסידישע מעשות געפונ־נען. דער שענסטער ביישפּיל איז פון דוד פרישמאַנען, דעם אָנער־קענטסטן העברעאישן קריטיקער, וואָס פריער פלעגט ער פּרץ׳ס אַ נייע זאַך באַגעגענען מיט אַ גראַמבלעריי, אָבער די חסידישע מעשות האָט ער אויפגענומען מיט פולער צופרידנקייט. אין פרישמאַנען האָט העכסט וואַרשיינלעך גערעדט די ליטעראַרישע סאַטיספאַקציע ניט ווייניקער, אויב ניט נאָכמער, ווי די נאַציאָנאַלע. האָט דאָס געמוזט זיין באַזונדערס דערפרייענדיק פאַר פּרץ׳ס ליטעראַרישע פריינט.

איז לאָמיך דאָ טאַקע אַביסל גענויער זיך אָפּשטעלן אויף דעם ליטעראַרישן ווערט פון פּרץ׳ס חסידישע מעשות. זייער בעסטע מעלה איז וואָס זיי זיינען גוט און שיין געשריבן. אין דעם פּרט זיינען זיי ניט ערגער פון די בעסטע פּרץ׳ס מעשה׳לעך. אַחוץ דעם זיינען זיי נאָך אָפט געשריבן („משנת חסידים״, למשל) מיט גרויס פייערלעכקייט, אַ פייערלעכקייט וואָס קומט פון דעם גליענדיקן ענטוזיאַזם פון די כלו־

מרשטדיקע דערציילער פון די מעשות, וואָס איז עפּעס וואָס די „מעשה־לעך" האָבן ניט פאַרמאָגט.

www.libtool.com.cn

אַחוץ דעם שטייגער שרייבן, דעם טאָן, איז וויכטיק די אַלגעמיינע טעכניק, דער אופן פון דערציילן. איז וויכטיק און אינטערעסאַנט צו וויסן, אַז אין די מייסטע פון די צען מעשות, וואָס זיינען די אייגנטלעכע חסידישע מעשות פון וועלכע ס׳איז דאָ די רייד, ווי איך וועל שפּעטער דערקלערן, איז די פאָרמע אַ נייע, אַן אָריגינעלע און אַן אייגנאַרטיק־אידישע. דאָס איז די ליבע און היימישע פאָרמע פון אַ שמועס. זיצן חסידים אַרום אַ טיש, עס קען זיין אין בית המדרש, עס קען זיין אין עפּעס אַ חדר אין רבי׳ס הויף, און שמועסן וועגן רבי׳ן, וועגן זיינע וואונדער, וועגן זיין הנהגה. עס איז אי אַ דערציילונג, אי ניט קיין דערציילונג, וואָרים די צוהערער באַטייליקן זיך אויך אין דער מעשה, לכל הפחות וואַרפט עמיצער אַמאָל אַריין אַ וואָרט, אַ פראַגע, צי אַ צובאמקעניש. לכל הפחות שטעלט עס דער שרייבער אַזוי פאָר. און עס קלינגט אַנגענעם און היימיש־אוממיטלבאַר.

כדאי זיך אָפּצושטעלן באַזונדער אויף די דריי מעשות „צווישן צוויי בערג", „אַ גלגול פון אַ ניגון" און „משנת חסידים". „צווישן צוויי בערג", וועלכע פּרץ רייך האָט באַצירט מיט באַשרייבונגען סיי חלומות׳דיק פאַנטאַסטישע און סיי רעאַליסטישע, פון איין זייט פון דעם בריסקער רב׳ס תורה און פון דער אַנדער זייט, פון זיין אויסזען און באַנעמונג, איז אין עצם אַ מין וויכוח צווישן אַ שטרענג פאַרביסענעם, פאַרצייטיקן מתנגדישן רב און אַ ליבהאַרציקן חסידישן רבי׳ן, אַ וויכוח צום גרויסן טייל דורך ווערטער, אָבער ניט ווייניקער, אויב ניט מער, אויך דורך קאָנטראַסטירנדיקע געשעענישן און האַלטונגען. דער קלימאַקס פונם רייד־וויכוח איז אין דער לעצטער באַגעגעניש צווישן די „צוויי בערג", די צוויי אידישע מנהיגים. לאָזט אָבער דער וויכוח ניט איבער קיין גאַנצן איינדרוק, נאָר אַזוי ווי אַ האַלבן. עס רעדט און עס טענה׳ט, און זייער איבערצייגנדיק, דער ביאַלער רבי, בשעת דער בריסקער רב הערט און שווייגט. האָט ער גאָר ניט וואָס צו ענטפערן? אמת, פּרץ האָט אויך געמעגט זיין איינזייטיק. אָבער, אם כן, צו וואָס דער אָנשטעל מיטן וויכוח?

„אַ גלגול פון אַ ניגון" איז, אין עצם, ניט קיין חסידישע מעשה, סיידן מען זאָל וועלן שטאַרק אויסציען די פאַרשפּרייטע מיינונג, אַז נגינה אליין איז עפּעס אַן ענין, וואָס קערט זיך באַזונדערס שטאַרק אָן מיט חסידות און מען זאָל מאַכן אַ גרויסן ווערן פון אַ מעשה׳לע, אין סוף פון דער לאַנגער מעשה, מכוח אַ חסיד וואָס ווערט ווי באַ׳כישופ׳ט

פונם ניגון פון אַן אָרימער מיידל, וועלכער ער מאַכט לסוף חתונה. 
www.libtool.com.cn
פּאַראַן, למשל, אַן אידיליש־ציכטיקע, האַלב־פּאַרציטיקע באַשרייבונג פון דער שטאָט באַרדיטשעוו, איר מאַרק און אירע גאַסן, אין אַ וואָכע־דיקן טאָג, וואָס האָט לחלוטין ניט צו טאָן מיט חסידים און חסידות. די מעשה „אַ גלגול פון אַ ניגון", וואָלט איך געזאָגט, איז אַ ריין־מוזי־קאַלישע, געבויט אויף אַן אויסטערלישן קבלה׳זירטן מאָטיוו וועגן גלגול און האָט באמת דעם צוועק אויסצומאָלן, ווי אַזוי דאָס אידישע לעבן דעגענערירט, ווערנדיק אַלץ גשמיות׳דיקער און פלאַטשיקער, אויפן שטייגער פון דער רעאַליסטיש־פּעסימיסטישער „פיר דורות — פיר צוואות". מער ניט, וואָס דאָרטן פאַלט דער גלויבן, אין גאָט און אין לעבן בכלל, און דאָ פאַלט, פון אָקטאַווע צו אָקטאַווע, דער שטייגער פרייען זיך און מוזיצירן ביים בעל־הבית׳ישן און האַלב־בעל־הבית׳ישן אידן.

אין „גלגול פון אַ ניגון" איז די שמועס־פאָרמע מער קאָנטיק ווי אין די אַנדערע דערציילונגען. דער דערציילער, אַ טאַלנער חסיד, אַחוץ וואָס ער איז באַזונדערס מוזיקאַליש, איז ער נאָך אויך אַ היפּש ביסל אַ וועלטלעכער מענטש. קען ער דערציילן, קען גלאַט ריידן און קען אויך ברענגען אַ משל פון דער גרויסער וועלט. די עצם־מעשה דער־ציילט ער מיט אַ גרויסן שוואונג, מיט גרויסער אויפגעלעבטקייט און פאַרביקע באַשרייבונגען. ערטערווייז דערמאָנט אונז דער בליצנדיקער ווערטער־שטראָם און דער גאַלאָפּירנדיקער אָטעם פון דער דערציילונג אַן די שוימענדיקע קאַסקאַדן פון אַ וואַסער־פאַל.

וועגן „משנת חסידים" האָב איך שוין געזאָגט, אַז דער טאָן אירער איז זייער אַן עקזאַלטירטער. דער דערציילער דאָ, אין פלוג אַזאַ איינער ווי דער מלמד־דערציילער פון „צווישן צוויי בערג", געפינט זיך אָבער אין אַ מין היכער, פאַר׳דבקה׳טער אַנטציקונג, וואָס זי הויכט אויף אים אַראָפּ פון זיין רבי׳ן, דער צדיק פון נע־מיראָוו, וועלכער איז אַ מין הייליקער איבער־מענטש. ניט נאָר איז ער זייער גוט און טאָלעראַנט און תמיד פול מיט הייליקער שמחה, נאָר ער באַזיצט אויך די היכע מאַכט צו קאָמאַנדירן דער נישט־געזעענער וועלט. די מעשה דערציילט, וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן אויף פּיי־געלעס, דער אינגסטער טעכטערלס חתונה. דער רבי האָט געזונגען, נאָר אין מיטן זינגען האָט ער אָפּגעהאַקט דעם ניגון און געגומען אַרויס־לאָזן באַזונדערע, אָפּגעריסענע קולות און דאָס זיינען געווען שלוחים צו דער גאַנצער וועלט — „צו אַלע חיות, צו אַלע ביימער און גראָזן, צו מדבריות, וועלדער, ימים און טייכן, צו הימל און ערד, צום גן־עדן,

www.libtool.com.cn

צו די אבות, צו דער פמליא של מעלה און האָט זיי אַלע פאַרבעטן אויף דער חתונה״. און וואָס קלערט איר? אַביסל שפּעטער דערפילט דער גאַנצער עולם, אַז עפּעס זעלטענעס איז געשען און „ער, זכרונו לברכה, דערזעט, אַז מען איז געקומען״.

דערמאָנט עס מיך ווידער אָן דער פראַגע: וואָס אייגנטלעך, אַחוץ דעם ריין־פילאָזאָפיש־געזעלשאַפטלעכן וואונטש פון רעווידירן דעם ענין חסידות אין דער אידיש־אינטעליגענטישער, אידיש־משכילישער וועלט, איז געווען פּרץ׳ס ליטעראַרישער צוועק מיט זיינע חסידישע מעשות? עס האָט ניט געקענט זיין דער פאַרלאַנג אויסצומאָלן די רביים — די אַמאַליקע, נאַטירלעך — זייערע אוממיטלבאַרע העלפער־„מקורבים״ און טיילן כאָטש פון דער נאָכפאָלגנדיקער מאַסע. אַזעלכעס איז ניט צו פריי געלעגן אין זיין מאָלערישער מאַכט און פּרץ אליין, דאַכט מיר, האָט זיך אַזאַ פרייקייט מיט קיין טיפער זיכערקייט ניט צוגעשריבן. צווישן די אַלע פאַרשוינען וואָס פּרץ שטעלט פאַר אונז פאָר פון דער חסידישער וועלט, זעען מיר קלאָר בלויז אייניקע, אי דאָס נאָר אויסערלעך. סיי פון די מנהיגים און סיי פון המון זעען מיר צומייסט נאָר זיטן, מאַנירן, תנועות, אַוואַיעס און אַמאָל אויך באַנעמונגען. דערצו לאָמיר אויך ניט פאַרגעסן, אַז פּרץ איז ניט דערצויגן געוואָרן אין קיין חסידישער סביבה, אַז אין זיין שטאָט זאַמאָשץ און אפשר אויך אין טיילן פון דער אומגעגנט, זיינען חסידים ניט צופיל געווען איינגעבאַקן אין די הערצער פונם עולם. זיין טיפערע באַקאַנטשאַפט מיט חסידים האָט פּרץ אין זיינע העכערע יאָרן געמוזט שעפּן פון באַגעגענישן, צופעליקע אָדער מער געפּלאַנטע, מיט זיי אין וואַרשע אָדער אַנדערע שטעט און פון ספרים, ספרימ׳לעך און אַנדערע שריפטן וואָס ער האָט וועגן זיי געלייענט. און דאָס וואָס ער האָט געלייענט און אין זיך איבערגעקאָכט און די שלוסן צו וועלכע ער איז ביי זיך געקומען האָט ער עס משמעות געוואָלט איבערגעבן אין זיינע חסידישע מעשות.

נאָר צי וואָלט דאָס אָבער גענוג געווען פאַר פּרץ׳ן, פאַר זיין אינטעלעקט, וואָס איז גייסטיק געווען אַזוי אויסגעבונדן מיטן אינטעלעקט פון זיין צייט, מיט דער וועלט פון ליטעראַטור און געדאַנק אין וועלכער ער האָט געלעבט און וועלכע ער האָט כסדר געזוכט מקרב צו זיין צו די הערצער און מוחות פון זיינע אָנהענגער און לעזער? און אָט דאָס לעצטע דערקלערט מיר פאַר וואָס איך באַגעגן אַזויפיל געדאַנקען, גלויבנס און שטרעבונגען פון דער מאָדערנער וועלט אין פּרץ׳ס שריפטן, איבערהויפּט די חסידישע. ניט אַנדערש, אַז קנעטנדיק און וועבנדיק

www.libtool.com.cn

זיינע אידישע מענטשן האָט פּרץ אין זיי געפּרואווט אַריינלייענען, אפשר אויך פון זיי אַרויסלייענען געדאַנקען, שטרעבונגען, חלומות, בענקענישן, מאַניעס און „מאַנקאָליעס״ פון זיין מאָדערניסטישער אייראָפּע.

האָט ער דערפאַר אינם רבי׳ן פון „משנת חסידים״ אַ מין איבער־מענטשן, וואָס אויב ער איז ניט אַזאַ פאַרריסענער גרויס־הערשער ווי ניטשעס איבערמענטש, אָדער אפילו אַזאַ איינגעבילדעטער פּריווילעגירטער צדיק ווי דאָסטאָיעווסקיס ראַסקאָלניקאָוו, איז ער אָבער אַ גרויסער, גוטער וועלט־באַפעלער. האָט ער, פּרץ, דערפאַר אין דער חסידישער דראַמע „די גאָלדענע קייט״ דעם גרויסן רבי׳ן ר׳ שלמה׳ן, וואָס איבערשטייגט נאָך אפשר ניטשעס אויבער־העלד, דערמיט וואָס ער דערוועגט זיך אפילו אַריינצומישן אין גאָטס דרכים און זיי סאַבאָטירן צוליב דער אָפּשאַפונג פונם גייסטיקן גלות פון דער וועלט און לטובת דער ליידנדיקער מענטשהייט און די אָפּקומענדיקע פאַרזינדיקטע נשמות אין גיהנום.

האָט ער, פּרץ, אין דערזעלביקער „גאָלדענער קייט״ ר׳ שלמה׳ס אור־אייניקל, לאה׳ן, אַ מאָדערנע אידישע טאָכטער, ווי פיל אַזעלכע, אַ קרענקלעכע, אַן אומגליקלעכע מחמת איר קראַנקן קינד, און זי ציט זיך אויס און בענקט און לעכצט נאָך אַ נס פון הימל, וואָס זאָל ביידן ראַטעווען, אַקוראַט ווי עס טוט דער פּאַסטאָר ביי ביערנסטערנע ביאָרנסאָנען (העענריק איבסענס חבר) אין זיין דראַמע „איבער אונזער קראַפט״ צוליב זיין קראַנקער פרוי.

האָט ער, פּרץ, אין יוחנן מלמד׳ס מעשה „ווער עס גיט לעבן א. א. וו.״, וואָס ווערט געווינלעך אָנגעהאָפטן אָן די חסידישע מעשות, אַ זייער שיינעם, צאַרט־סודות׳דיק שימערירנדיקן ערטל, וואָס זייט אַריין דעם געדאַנק, אַז דער טויט איז גוט, ווי עס טוט אויך מיט אַזאַ שיינער קראַפט גערהאַרד הויפּטמאַן אין דער דראַמע „האַנעלעס הימלשע רייזע״, און ווי עס דערקלערט, צולעצט, פּראָסט און פּשוט, פּרץ׳ס האַלבער לאַנדסמאַן סטאַניסלאַוו פּשיבישעווסקי, אין זיין דראַמעלע „געסט״.

נאָר ביי דעם אַלעמען בלייבט דאָך, אין געזעלשאַפטלעך־זשורנאַליסטישער פּשטות אריין דער פאַקט, אַז מיט זיינע חסידישע מעשות האָט פּרץ אין דער אידיש־קולטורעלער וועלט דורכגעבראָכן די רעוויזיע פון חסידות, להיפּך צום אַלטן פאָראורטייל פון דער השכלה, אַז חסידות איז פינצטערניש, פאַנאַטיזם, געצנדינסט, פאַרדאָרבנקייט, גראָבקייט און אַלץ וואָס אין דער קאָרט שטייט. אַ רעוויזיע, וואָס כאָטש מיט יאָרן פריער האָט זי שוין אויסגערופן דער באַרימטער העברעאישער דענקער־פּוב־

www.libtool.com.cn

ליציסט (שפּעטער אויך נאָוועליסט און פאָלקלאָריסט) מיכה יוסף בער־דיטשעווסקי (דרך אגב, איז בערדיטשעווסקי אויך געווען אַן אָנהענגער פון פרידריך ניטשען מיט זיין איבערמענטשן), איז אָבער יענער רוף געמאַכט געוואָרן אין אַ ניט־צופיל אָנגעזעענעם העברעאישן זשורנאַל און האָט געוואַרט ער זאָל פאַרקלינגען אין דער גלאַנציק־גליענדי־קער, ניי־אויפגע׳כשופ׳טער ציוניסטישער פּרעסע.

צולעצט מוז, אין פאַרבינדונג מיטן געזאָגטן וועגן דער חסידישער רעוויזיע, געבראַכט ווערן אַ גענויע רשימה׳לע פון די חסידישע מעשות. און זאָלן מענטשן, וואָס האָבן געמעגט זיין ביבליאָגראַפיש בעסער אינ־פאָרמירט, מער ניט וואַרפן אין דעמדאָזיקן טאָפּ אריין אי דאָס וואָס גע־הערט אין אים, אי דאָס וואָס געהערט ניט.

די חסידישע מעשות וועגן וועלכע מען רעדט און זיי פאַרדינען, מען זאָל וועגן זיי ריידן אין אָט דער פאַרבינדונג, זיינען אָט יענע וועלכע פּרץ האָט אָנגעהייבן פאַרעפנטלעכן אין „יוד" אומגעפער אין 1898, און האָט געענדיקט, דאָרטן אָדער אפשר אין אַן אַנדער שריפט, אַרום 1900. אַהערצו געהערן „אויב ניט נאָך העכער", וואָס איז, דאַכט זיך, געווען די ערשטע, „צווישן צוויי בערג", וואָס איז, דאַכט זיך, געווען די צוויי־טע, „אַ גלגול פון אַ ניגון", אפשר די דריטע, „שהשמחה במעונו", „אַ שמועס", „תורה", „שמחה שבשמחה", „נסים ונפלאות", „משנת חסידים", אפשר די סאַמע לעצטע און אפשר אויך „כרת" (אייניקע פון זיי, ווי די טיטלען ווייזן, שטאַמען גיכער פון העברעאיש, ווי עס איז אויך דער פאַל מיט אייניקע „פאָלקסטימלעכע געשיכטן" און פּרץ׳ס פיל אַנדע־רע זאַכן). די אַלע מעשות „באַיאָען" די חסידות אין מער ווי איין הינ־זיכט און עס איז אין זיי ניטאָ קיין שמץ פון חוזק. דערפאַר איז אפשר ניט רעכט אַריינצורעכענען אין צעטל אויך די דערציילונג „ער זכרונו לברכה און זיינע מקורבים", כאָטש אין צייט שטייט זי נאָענט צו די אַנדערע, ווייל אין איר איז טאַקע דאָ מער חוזק ווי גוטער ווילן (ביים ערשטן לייענען זי האָט זיך מיר אַמאָל אָפּגעדוכט, אַז פּרץ האָט זיך דאָ אַביסל דערשראָקן טאָמער האָט ער פריער צו זיס גערעדט וועגן חסי־דות). אין איין פּרץ־אויסגאַבע שטייט צווישן די חסידישע מעשות אויך די מעשה „מקובלים". אין אמתן געהערט דידאָזיקע פּסיכאָלאָגיש־ריין־קבליסטישע שטודיע אַהער קוים צייטלעך און זיכער ניט אינהאַלטלעך. ענלעך איז אויך „דעם רבי׳נס ציבעק", אי צו חוזק׳דיק פאַר דער סעריע, אי צו אַלט. ענלעכעס קען אויך געזאָגט ווערן וועגן דעם מין־פעליטאָן „מה לי לשקר". אויך „הכנסת כלה", כאָטש ס׳איז אַ „באַיאָענדיקע" זאַך, שפּילט זי אָבער אויף איין סטרונע, חסידישע גוט־ברודערשאַפט, און איז פון אַ פריעריקער צייט. לסוף, „שמעיה דער גבור", כאָטש זי

www.libtool.com.cn

איז אײנצײטיק און פון אַ חסידישער סביבה, איז זי אָבער אַ רײן־פּסי־כאָלאָגישע שטודיע.

דאַקעגן איז אָנגענומען אָנצוהערפּטן „יוחנן מלמד׳ס מעשות" אָן דער חסידישער סעריע. זײנען זײ דאָך דערשינען באַלד נאָך איר און דער טאָן, לכל הפּחות פון דער ערשטער גרעסטער מעשה, האַרמאָנירט פולשטענדיק מיט דער וואַרעם־חסידישער אַטמאָספערע.

***

די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן" זײנען געקומען אין זשורנאַלן און זשורנאַלעכלעך, אויב ניט גאַנץ אוממיטלבאַר נאָך, איז אָבער נאָר אויף אַ פּאָר יאָר אָפּגערוקט פון די חסידישע מעשות. העכסטנס זײנען צווישן די צווײ יאָר אויפגעקומען אַ פּאָר דראַמעלעך.

די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן" איז אַ נאַטירלעכע פאָרזעצונג, אַ לאָגיש־פּסיכאָלאָגיש־נאַציאָנאַלע אויסברייטונג און פאַרטיפונג פון די חסידישע מעשות. אמת, די העלדן פון די מעשות זײנען געװען די רביים און זײערע מקורבים: אָבער װער האָט עס דאָס אידיש־מאָראַלישע רעכט אַװעקצושטעלן אַ גרעניץ צווישן זײ און דאָס פאָלק? און, װידער, אויב יענע זײנען געװען גרויס און העלדיש און גײסטיק גיבור־רים, איז דאָך עס נאָר געװען מיטן כוח פון זײער גלויבן, פון זײערע לאַנג־אָנגעזאַמלטע טראַדיציעס, פון זײער טיף־אידישער פּנימיות; און װער ביי אידן קען עס האָבן אַ מאָנאָפּאָל אויף אַזעלכע גײסטיקע אוצ־רות? עלעהיי איז שוין בעסער צו גײן מיט משה רבינו׳ס גאַנג: „ומי יתן כל־עם אדוני נביאים" — הלואי װאָלט גאָטס גאַנץ פאָלק געװען נביאים!

די העלדן פון די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן" זײנען אין בעסטן פאַל בעל־הבית׳ישע אידן אָדער אידעגעס, אָבער אין געװײנטלעכן פאַל זײנען זײ אידן פּראָסטע, אָרעמע, ניט קײן געלערנטע און אין פלוג אפילו ניט זײער קײן פרומע. כמעט אַלע זײנען זײ פּאָזיטיװע גע־שטאַלטן, די צווײ אָדער דרײ נעגאַטיװע געהערן דוקא צו די רײכע. פאַראַן קינדער אָדער כמעט קינדער צווישן זײ, פאַראַן אויך מענטשן פאַר׳חוש׳טע, גאַנץ תמ׳עװאַטע. אײניקע הײסן טאַקע „שטומע נשמות" מחמת זײער לפנים׳דיקער טעמפּקײט, גראָבקײט, ניט־געלערנטקײט, גײסטיקער דערשלאָגנקײט. עטלעכע מאָל טרעט אויף אליהו הנביא (נאַטירלעך פאַרשטעלט). פאַראַן אַ לאַמעד־װאָװניק צי צווײ (פאַראַן אויך אַ פּאָר צבועקעס אָדער צום טײװל־פאַרקױפטע, טאַקע אין בוכ־שטאַבלעכן זין). דערפאַר טרעט דאָ אַ דרײ־פיר מאָל אויף דער בעל־

שם און עס טרעטן אויף אַ פּאָר אַנדערע פּאַרצייטיקע רביים. עטלעכע
www.libtool.com.cn
מאָל ווייזן זיך, אין קלענערע ראָלן, אויך ניט־אידן, און אויך זיי זיינען ליב און שיין.

„פאָלקסטימלעכע" הייסן די געשיכטן, ווייל זייער אינהאַלט, זייער גלויבן, זייער מאָראַל, זייער וועלט־בליק זיינען פון דער טיפעניש פון פאָלק׳ס גלויבן און לעבן אַרויסגעשעפּט. דאָ, ווי אין די חסידישע מעשות, איז דער דערציילער קיינמאָל ניט דער שרייבער, נאָר עמיצער פון פאָלק, העכסטנס נאָר אַ פאָלקלעכער אַמאַטאָרישער דערציילער. דערפאַר איז דאָ קיינמאָל ניטאָ קיין געלערנטער, קיין פאַרצויגענער, קיין כוואַטסקער, קיין באַרימערישער, קיין אינטעליגענטישער טאָן. אויב איר׳ט דאָ אַמאָל, אַמאָל טרעפן אַ טראָפּעלע חוזק, איז עס סיידן נאָר ווייל דעם שרייבערס פען האָט זיך „אויסגעטריפט".

און אין וואָס גלויבן דידאָזיקע קינדער פון פאָלק? זיי גלויבן אין פרומען אויסדויער, אין קידוש השם; זיי גלויבן אין מצוות, אַזוי אַז זיי וועלן פאַר זיי אפילו גיין אין טויט אַריין. זיי זיינען פול מיט בטחון און ער פאַרלאָזט זיי נישט אפילו ווען דער חלף ליגט שוין אויפן האַלז. אודאי זיינען זיי ליב און האָבן ליב. זיי פאַרמאָגן אויך מענער־פרויען ליבע, אָבער ניט אַלע מאָל ווייסן זיי וואָס דאָס איז. ווייבערשע צניעות איז אַזוי אַריינגעוואקסן אין זייער לייב־און־לעבן, אַז זיי וועלן זיך פאַר דעם מקריב זיין גאָר אָן ישוב הדעת. זייער גרעסטן פאַרלוסט נעמען זיי אָן מיטן געוויינטלעכן „גאָט האָט געגעבן, גאָט האָט גענומען". הויך שטייט ביי זיי דער געלערנטער, אָבער העכער נאָך פון אים דער פרו־מער און גאָר אמהעכסטן דער אַרומטראָגער פון גאָטס וואָרט. לייב שרה׳ס איז געאַכפּערט און געגרויסט, איז עס ווייל אין דער ריכטיקער רגע זאָגט ער דאָס הייליקע, אריינטרעפנדיקע וואָרט; אויב דער בעל־שם איז אַזוי מורא׳דיק ליב, איז עס נאָר ווייל ער איז אַלעמענס פאַר־זאָרגער, דער וועלט־פירער.

אַזעלכע הייליקע געשיכטן, מיט זייער פשוטער, היימיש־חנ׳עוודי־קער, און אפשר טאַקע דערפאַר וואויל־קלינגעוודיקער שפּראַך, וואָלט מען בעסער געדאַרפט דערציילן איידער לייענען. ווייל דאָס לעבעדיקע לשון, ווי דער לעבעדיקער מענטש אַליין, איז דאָ די גאַנצע, די גרעסטע שיינקייט. וואָרים שיין איז וואָס איז הייליק (און הייליק איז וואָס איז שיין).

געשעפּט זיינען די געשיכטן פון די שענסטע, זשומיק־קלינגעוו־דיקסטע קוואַלן. אַ ניש־קשה׳דיקע צאָל זיינען אַלגעמיין־אייראָפּעאישע לעגענדעס אָדער צויבער־מעשות. אין אַזעלכע פאַלן פאַראידישט נאַ־טירלעך פּרץ די פּרטים: ווערט אין „אַרענדאַר" (געבויט אויף דער

קלויסטער־לעגענדע פון לאָנגפעללאָס (“Robert of Sicily” פונם קי־
www.libtool.com.cn
ניג אַ אידישער אַרענדאַר מיט זיין פאַמיליע און פון זיין גייסטלעכן —
אליהו הנביא און אַ רב און פון דער צויבער־פּרוי אין דער קינדערשער
סינדערעלאַ־געשיכטע ווערט אונזער הייליקע באַשיצערין פון אידיש,
שרה בת טובים.

די מייסטע געשיכטן שטאַמען אָבער פון די לויטערסטע אידישע
קרעניצעס: פון מדרש, פון מוסר־ספרים און ספרים׳לעך, פון חסידיש־
גוט־אידישע געשיכטן. איינע אָדער מער זיינען אפילו אָריגינעל־גע־
זאַמלטע (צום ביישפיל „דער בעל־שם פּירט אויס אַ שידוך“, וואָס איז
גענומען פון ש. אַנסקיס געזאַמלטן אוצר). נישט געקוקט אויף די פּאַר־
שיידענע ברונימער, איז אָבער בנוגע שפּראַך און דערצייל־מאַניר אַ
גלייכער צויבער אויסגעגאָסן אויף אַלע געשיכטן, דער צויבער פון אַ
טויכער, וואָס האָט געגרונטעוועט די ימים פון פאָלקס־נשמה און פאָלקס־
שפּראַך און האָט פון זייער טיפעניש אַרויפגעבראַכט די איידל־שיינענ־
דיק־שימערירנדיקסטע פּערל.

ניט בלויז ברונימער און צויבער־קוואַלן. אין די הענט פון פּרץ׳ן
דעם צויבער־שלייפער (ווידער אַמאָל פּרץ׳ס „דאָס גלעזל“) ווערט דאָס
אַלץ אַ גרויסאַרטיקער, אַ וואונדערלעך צעוואָקסענער צויבער־וואַלד.
און נישט פון האַלץ איז דאָס אויסגעפלאָכטן, נאָר פון גאָלדערנע נעפּל־
טרערן־טראָפּנס אויסגעשפּונען. די צווייגן־און בלומען־פליטערלעך
זיינען מיט גאָלדענע העמערלעך אין גין־גאָלדערנעם פיליגראַן אויס־
געקלאַפּט, אַזוי ווי עס קלאַפּן אויס די וואונדערלעכע גאָלדשמידן פון
אונזערע ברידער די תימנים אין מדינת ישראל.

אין די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן“ גיסן זיך אָרגאַניש צונויף
שפּראַך און סטיל, מאַניר און מעשה — אַלץ אין גוטסקייט, אין שיינ־
קייט, אין הייליקייט, אין וואויל־חנ׳עווודיקער אומגעקינצלטקייט.

## פּרץ׳ס פּעליטאָנען

מיר קומען איצט צו אַ רויט־גרויסער דאַטע אין פּרץ׳ס שריפט־
שטעלער־קאַריערע, וואו ליטעראַרישער גלאַנץ און אידיש־נאַציאָנאַלע
גלוט גיסן זיך צונויף אין איין גראַנדיעזן פייער־פלאַם. עס איז געווען
דער הערלעכסטער קאַמף פון פּוילישן אידנטום פאַר זיין נאַציאָנאַלער
דערקענונג, וואו פּרץ איז געווען דער ריטערלעכסטער שטרייטער און
זיין פּעליטאָניסטישע פּעדער דער הויפּט־וואָפן. עס איז געווען אַ דריי־
עקיקע מלחמה: פּאַנסקע ברוטאַליטעט פון פּוילישן צד; מה־יפית פון

www.libtool.com.cn

אידיש־בורזשואַזער זייט; און אידיש־נאַציאָנאַלע ווערדע מצד י. ל. פּרץ׳ן און זיין תלמידיש־נאָכפאָלגערישע פאָלקס־אינטעליגענץ.

אין לאַנגן פיר־יאָריקן ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכן קאַמף האָבן אויך ניט געפעלט קיין גראָטעסקע עפּיזאָדן: מורמלעריי מצד אַ קליינער טייל פּרץ׳ס תלמידים, אַז ער ווערט אַ שול־קלאַפּער, רופט צו רעאַקציע און אָנגעדרודלטע אָנשטויסן מצד פּרץ׳ס ברויט־געבערישע גמינע (קהלה) בעל־הבתים און זיין אָפּפעכטן זיי. און, ווידער אַמאָל, איבער אַלץ האָט פלאַמיק, אַזוי ווי אַמאָל די שווערד ביים טויער פון גן־עדן, זיך געדרייט און געבלאַנקט פּרץ׳ס שטאָליק־פּעליטאָניסטישע פעדער.

אָנקומענדיק קיין וואַרשע מיט אַ יאָר פופצן צוריק, ווי אַן אָרימער פּראָווינצער אינטעליגענט, וואָס זוכט אַ שטעלע, איז פּרץ אין דעם אָנדערהאַלבן יאָרצענדליק געוואָרן אי דער וואָרט־פירער אין דער ליטעראַטור און פּרעסע, אי אַ פירער אין דער געזעלשאַפט, אַרויסגעבנדיק בלעטער און זשורנאַלן, אַרויספירנדיק שרייבער און דיכטער, קעמפנדיק פאַר אַ בעסער טעאַטער, גרינדנדיק און אָנפירנדיק פאָלקלעך־ליטעראַרישע און קינסטלערישע „הזמיר״־קרייזן.

האָבנדיק אַ שטעלע אין דער חברה־קדישא אָפּטיילונג פון דער וואַרשעווער גמינע (מיט דער ברייטסטער דעה מצד די וואַרשעווער „משה רבינו׳שע פּאָליאַקישע״ אַסימילאַנטן), איז אים געבליבן גענוג צייט אָנצוגיין מיט ליטעראַרישער אַרבעט און אָנקניפּן פאַרבינדונגען אין געזעלשאַפטלעך־ליטעראַרישע קרייזן. אַזוי אַרום איז ביסלעכווייז וואַרשע געוואָרן שיר ניט דער גרעסטער אידישער ליטעראַרישער און פּרעסע־צענטער. אַרום 1905 אַנטשטייען שוין אין וואַרשע גרויסע אידישע טאָג־בלעטער (וואָס שפּעטער ווערן זיי היסטאָריש, ווי דער „פריינט״, „דער היינט״ און פּרץ ווערט אין זיי דער אויבן־אָניקסטער מיטאַרבעטער.

איבער אַ ריי עקאָנאָמישע און געזעלשאַפטלעכע, רוסישע און פּויליש אומשטאַנדן ווערן די באַציאונגען צווישן די אידן און די פּאָליאַקן, וואָס זיינען שוין לאַנג געווען אויפגערייצטע, איצט גאָר יאַטערדיק. די פּוילישע גראָב־אַנטיסעמיטישע „נאַראָדאָווע דעמאָקראַטן״ ווערן אַלץ גרעבער און ברוטאַלער; דאָס אידישע בעל הבתים׳טום, אונטער דער אָנפירערשאַפט פון די היסטאָרישע מה־יפית׳ניקעס דרייען מיטן עק; און נאָר די פאָלקס־מאַסן, אונטער דער אָנפירערשאַפט פון די רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן, שטעלן זיך אריין אין קעמפערישן ווידערשטאַנד. דאָס אידיש־אַסימילאַטאָרישע בלאַט „איזראַעליטא״ ווערט

www.hbtool.com.cn

נעבעך צעריסן אין צוויי זייטן — קעגן די פּוילישע יחסנ׳ישע בעל־הבתים — זיי זאָלן האָבן איינזעעניש, קעגן דער אידישער פֿאָלקס־מאַסע — זי זאָל זיך האַלטן אין דער מעלה.

פּרץ, אין דער אידישער פּרעסע, קעמפּט מיט זיינע פעליטאָנען אַזוי שאַרף און פלינק און מיט אַזאַ גלאַנץ, אַז ביידע צדדים, דער פּויליש־פּריצישער און דער אידיש־בעל־הבית׳ישער שעמען זיך און שרייען און סטראַשען אפילו.

יאָרן לאַנג ווערט געהעצט און עס גייט אָן דער פּוילישער באָיקאָט — „סוואָי דאָ סוועגאָ״ (אָ פּוילישער צו אַ פּוילישן) אויף צו ברעכן דעם אָרעמען אידישן הענדלער פון ברויט. און עס פעלן ניט קיין אַנדערע אינצידענטן. די צאַרישע רוסישע רעגירונג האָט געשענקט רוס־לאַנד אַ „דומא״, אַ מפיל׳דיקן פּאַרלאַמענט. די פּאָליאַקן, שמאַרצנדיק אונטער זייערע אַלטע רוסישע וואונדן, האָבן זיך אין דער דומא אַריינ־געוואָרפן מיט זייערע כוחות, האָבן ניט אַנדערש געפּאָדערט, אַז די אידן זאָלן ניט נאָר האַלטן, נאָר אויך לאָזן זיך פירן פון זיי אין דער דומא, ניט וועלנדיק אפילו וויסן, אַז די אידן קענען האָבן זייערע אייגע־נע זאָרגן אין דער דומא און אין דער אַלגעמיינער פּאָליטיק קענען זיי האָבן זייער קוק און אינטערעסן.

אַרום 1912 קומט דער דומא־קאַמף צו אַ מורא׳דיקן שפּיץ. די שטאַרקסטע פּוילישע פּאַרטיי, די „נאַראָדאָווע דעמאָקראַטן״, שטעלט אַרויס אַלס דומא־קאַנדידאַט אירן אַ מענטשן, דעם „פּאַן״ קוכאַרזשעווס־קי; די פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, אינאיינעם מיט די אידישע סאָציאַליסטן, שטעלן אַרויס אַ קעגן־קאַנדידאַט, דעם סאָצאַליסט יאַ־געללאָ. די אידישע בעל־הבתים הייסן די אידישע מאַסן, ניט געקוקט וואָס „פּאַן״ קוכאַרזשעווסקי איז באַוואוסט ווי אַן אַנטיסעמיט, צו שטיין מיטן „פּאַן״. די אידישע סאָציאַליסטן פּאָדערן דעם קעגנטייל. די אי־דישע נאַציאָנאַליסטן האַלטן מיט זיי. און י. ל. פּרץ הייבט אויף די אי־דיש־נאַציאָנאַלע פּייער־פּאָן. די אידישע מאַסן, אונטער דעם קלאַנג פון זיינע ווערטער, קעמפן און זיגן.

פּרץ׳ס פעליטאָן, יאָרן לאַנג געהאָדעוועט און געכאָוועט און גע־צירט אי פון זיינע עסייען און אַנדערע פּראָזע־שריפטן (אפילו פּאָפּו־לער־וויסנשאַפטלעכע אונטער פּאַרשיידענע פען־נעמען) אי פון זיינע ליריש־איידעלע און שטעכיק־וויציקע לידער, האָט זיך אין מיטן פון יאָר־צענדליק אַנטוויקלט אין אַ זעלטן־וואונדערלעכן שרייב־און קאַמף־אינסטרומענט, רייך אין געדאַנק, בליציק אין וויץ, שאַרף און שניידנ־דיק אין וואָרט, עלעגאַנט אין ניואַנס און שפּיל, אידיש אין איראָניע, אייראָפּעאיש אין פּאַרנויג. אַ שטעכיק־פּאַרניכטנדיקער פעליטאָן, אָבער

www.libtool.com.cn

אויך אונטערגעבעט מיט ווייטיק און פאַטאָס. דעם זיגערס האַרץ איז געוואקסן פון טריומף און אפילו דער געשלאָגענער האָט געשמאַרצט און געפּרייכט ניט אָן גענוס. האָט מען געלייענט און זיך געקוויקט, גע־לייענט און זיך אויפגערעגט און צעשטורעמט, געלייענט און געפּי־בערט צווישן צאָרן און רחמנות. געלייענט און געפילט זיך אין אַ מין פאַר׳דבקה׳טן יחוד מיט אַ קאָפּ וואָס דענקט פייער־פלאַמיק און אַ האַרץ וואָס שוידערט און ברעכט.

און אַזוי רעדט פּרץ — געבנדיק נאָר עטלעכע ביישפּילן — קעגן די וואָס באַשולדיקן אים אין רופן צוריק אין שול:

„מיך שרעקט נישט דער פרייער געדאַנק, ווען אפילו ער זאָל אויסשטרעקן די האַנט צום טעלערל פון הימל...

דער מענטש וואָס בלאָנדזשעט אַרום מיט אַ בלוטיקן פראַגע־צייכן איז מיין פריינט...

איך ווייס, די מלאכים, וואָס פאַלן פון הימל אַראָפּ, זיינען נישט פון די קליינע; די (קליינע) בלייבן שטענדיק אין שורה און שפּרינגען קדוש.

מיך שרעקט נאָר און שטויסט אָפּ דאָס טעמפּע הילצערנע „ניין!” דאָס בי־ליקע, גראָשנדיקע שונד־אפּיקורסות. דער פאַרגילטער דלות פון בלייענעם פייגל, וואָס האָט זיך אָנגעפּיקט מיט מאָדערנע ביליקע שמות און שרייט: אָט פלי איך, אָט הייב איך מיך, און ליגט אין בלאָטע.

איבער דער רעליגיאָן זיינען פאַראַן וועלטן. אָבער אונטער איר — פּי־און פערד־שטאַלן. פריידענקען איז דראַמאַטיש, צווייפלען — טראַגיש; אָבער די הילצערנע, עם־הארצישע זיכערקייט געהערט צום פאַרס...”

(„אַ וויכוח”, קאַפּ. 14 פון „אין מיין ווינקעלע”)

אָט איז פּרץ׳ס אַ וואָרט צו די פּוילישע אַסימילאַנטן, צו די וואָס פריידיקן פרעמדע קולטור צווישן אידן:

„(שרייט איר): אָבער מיצקעוויטש! (דער גרויסער אַלט־פּוילישער פּאָעט) מיר קענען מיצקעוויטשן און בויגן די קעפּ פאַרן האַלבן נביא: מיר האָבן ג אַ נ צ ע געהאַט און הערט — מיר ווילן זיי נאָך אַמאָל האָבן! מיר קענען אויסער מיצקעוויטשן נאָך אַנדערע גייסטער... שעקספּיר, הוגאָ, שעלי — אַ דאגה, די וועלט איז נישט אַרעם! דאָס באַפרייט אונז אָבער נישט פון אייגענעם שאַפן. נישט נאָר ק אָ נ ס ו מ י ר ן, ווי איר טוט, ווילן מיר, מיר ווילן אויך פּראָדוצירן! מיר ווילן, ווי איר, קיין קולטור־פּאַראַזיטן נישט זיין. מיר ווילן נישט שטיין הינטער פרעמדע פענצטער פון פרעמד ליכטיקע שטיבער, יעדע שטוב מוז האָבן איר לאָמפּ, איר ליכט”.

(„פאַר צוריקגעקומענע — אַ דריטע עצה”
קאַפּ. 5, „אין מיין ווינקעלע”)

www.libtool.com.cn

און אמת האַרצרייסנדיק איז דער פעליטאָן 36 „עשו שפּילט״ אין „אין מיין ווינקעלע״ וועגן דער ראָליע פון די אידן צווישן די פעלקער צעשפּרייט:

„מיר זיינען געגליכן צו קלאַווישן...

האָט זיך דער באַשעפער זיין פּיאַנאָ געהאַט — זיין פאָלק ישראל, וואָס האָט, פון זיין האַנט באַרירט, זיין לויב געשפּילט!

ג ע פ ע ל ש ט האָט איינמאָל די פּיאַנאָ...

אל קנא האָט מיטן דונער די פּיאַנאָ צעשמעטערט; דער קאַסטן — צע־שפּרונגען, די קלאַווישן צעשפּרייט און צעזייט...

ליגן זיי איבעראַל אין גלות־שטויב, אין גלות־מיסט, פאַרשטומטע, פאַר־גליווערטע, אָן אַ קלאַנג...

און דאָך — ווערט אַ קלאַוויש געדריקט פון אַ פרעמדער האַנט, וועקט ער זיך און גיט זיין טאָן, זיין איכה־און קינות־טאָן, זיין אויסרוף פון בענקשאַפט און שמערץ...

און אַ וואונדער: ווי פון אַ כישוף געוועקט, כאַפּן זיך אַלע צעשפּרייטע און צעזייטע קלאַווישן אויף און ציטערן און לאָזן זייערע איכה־און־קינות־טענער ארויס און עס הערט זיך דער קלאַנג איבער גאַנץ מצרים...

נישט געגלעט ווערט דער קלאַוויש, נאָר געדריקט...
והידים — די הענט וואָס רירן זיך צו — ידי עשו.
עשו שפּילט״.

## פּרץ'ס דראַמען

אין די געדיכטע יאָרן פון אָנהייב יאָרהונדערט האָט פּרץ אויך געפונען צייט אָנצושרייבן אַ באַרג דראַמעלעך און דראַמען (איינציקע שטאַמען, ווייזט אויס, פון אַ ווייט פריערדיקער צייט). אודאי האָט אונ־זער וועלט זיך געפרייט דערהערנדיק, אַז פּרץ ווערט אַ דראַמען־דיכ־טער. דאָך האָבן די דראַמען קיין טעאַטער־משיח ניט געבראַכט. איי־ניקע דראַמעלעך; דאָס גאַנץ שפּילעוודיקע „שוועסטער״ (געשפּילט ביי אונז אַמאָל, אַמאָל פון דער מאַדאַם קאַליש און גאָר אַ סך מאָל פון פּראָג־רעסיוו דראַמאַטיק קלוב און אויך פיל מאָל אין „אונזער קעמפּ״); דאָס פּסיכאָלאָגיש־פּאָעטישע „נאָך קבורה״ (געשפּילט אי פון קלוב, אי פון דער מאַדאַם העגריעטאַ שניצער); דאָס גאַנץ מאָדערניסטישע „אַ „קברות־נאַכט, נערוון־שפּיל״ — פאַרמאָגן דראַמאַטישע שטאָף, די איבעריקע זיינען גאָר גוטע, אָדער שוואַכערע ליטעראַטור, אָבער קיין דראַמען אין אַן אמת טעאַטערדיקן זין, מיט לעבעדיקע מענטשן מיט

www.fhbtool.com.cn

רויט־קעמפערישן בלוט אין די אָדערן, מיט סצענעס פון צוזאַמענשטויסן און מיט סיטואַציעס פון מענטשן־קאַמף און מענטשן־באַציאונגען זיינען זיי ניט. פרץ׳ס דראַמען באַשיינען די פאָליצעס פון אונזערע ביבליאָטעקן, זיי באַשיינען אָבער ניט די „ברעטער״ פון אונזערע טעאַטערס. אפילו בנוגע ליטעראַטור שטעלן מיט זיך פרץ׳ס דראַמאַטישע ווערק ניט אַלע מאָל פאָר עפעס נייעס. צומייסט זיינען זיי אויסברייטונגען, וואַריאַנטן אָדער באַאַרבעטונגען פון פריערדיקע דערציילונגען, בילדער אָדער אפילו מעשה׳לעך אָדער פעליטאָנען.

בלייבט צו ריידן פון די דריי גרויסע דראַמען: „די גאָלדענע קייט״, „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק״ און „אין פאָליש אויף דער קייט״.

„די גאָלדענע קייט״ איז, דרך אגב, אַן אינטערעסאַנטע אילוסטראַציע פון מיין געדאַנק „פרץ רייזט אין דער צייט״. לכתחילה — מוז זיין מיט אַ סך יאָרן צוריק — איז עס געווען אַ העברעאישע דראַמע מיטן נאָמען „חורבן בית צדיק״, וואו דער חורבן איז משמעות אויך געקומען פון מעלאָדראַמאַטישע אינטריגעס, וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט אין גאַנץ אומהיימלעכע, טיף־אונטערערדישע רבייאישע קעלערן. פרי אין יאָרהונדערט איז די פיעסע, אין אַ אידישן גלגול מיטן נאָמען „דער נסיון״, געקומען קיין אַמעריקע און איז מיט אַ גאַנץ קליינעם דערפאָלג געשפּילט געוואָרן אין קאַליש און שפּאַכנערס טעאַטער. אויך אין דער פיעסע איז געווען פיל „מעשה נורא׳דיקס״, משמעות פאַרבליבן פון „חורבן״. אין אַ פאָר יאָר אַרום, אין דעם הויך־סעזאָן פון פרץ׳ס מאָדערניזם, איז די פיעסע געדרוקט געווען אין „צוקונפט״. אין 1920 האָט מאָריס שוואַרץ די דראַמע אויפגעפירט, אין אַ מאָדנער קאָמבינאַציע, אַרויפשטעלנדיק איר ערשטן אַקט ווי אַ קאָפּ אויף אַקטן פונם „נסיון״, ווי אויף פיס. קיין גרויסן דערפאָלג האָט די דראַמע ניט געהאַט.

די „גאָלדענע קייט״ פאַרנעמט אָבער אַ הויכן און אינטערעסאַנטן אָרט אין פרץ׳ס ליטעראַטור, דערהויפּט אין דער חסידישער: די פיגור פון ר׳ שלמה, דעם „איבערמענטש״ רבי, וואָס פּרואווט סאַבאָטירן גאָטס דרכים צוליב דעם גליק פון די מענטשן, איז אַ מורא׳דיק־אימפּאָנירנדיקע און אפילו ניט אומקלאָרע פיגור. דער ערשטער אַקט איז וואונדערלעך־שיין, אי פּאָעטיש, אי מיט זיינע מאָדערניסטיש־אימפּרעסיאָניסטישע עפעקטן. שיינע, האַלב־זינגענדיקע רייד, סודות׳דיק־קלינגענדיקע ליכט־גלעזלעך, ישישים (זקנים) פון אַ מיסטישער וועלט האָבן די געשפּאַנטע סודות און די מיסטיש־צעוואַקסנדיקע שטימונגען פון דעם ערשטן אַקט אפילו דראַמאַטיש געמאַכט. אין אַן אַנדער אַקט האָט פרץ צוגעגעבן לאה׳ס, ר׳שלמה׳ס אור־אייניקלס אומגליק (איר בלינד קינד)

און איר לעכצעניש נאָך אַ נס. און — ווייל צווישן דער ערשטער פּיעסע און דער לעצטער האָט פּרץ זיין רעוויזיע אויף חסידות געמאַכט — קומט אין סאַמע לעצטן אַקט צו די פיגור פונם צווייטן אור־אייניקל יונתן, וועלכער דערלאָזט ניט, אַז דער „חורבן" זאָל טאַקע חורבנ׳דיק ווערן, אָדער אַז די גאָלדענע קייט זאָל טאַקע איבערגעריסן ווערן. ווערט ער, אַמאָל אַ מאָדערנער יונגערמאַן, רבי אויפן אָרט פון די עטלעכע רביים, וואָס פאַלן אַוועק אין מיטן וועג אָדער ווערן פון אים אַוועקגע־ראַמט. אין מיטן דעמדאָזיקן נעסט פון קדושה, דערהערט זיך פּלוצים, אין אַן אַנדער אַקט, דער אינטריגערישער ריח פון אַ שרפה אין אַן אַפּטייק, אונטערגעצונדן פון „פאַנאַטיקער" חסידים אַלס שטראָף קעגן די „היינט־וועלטיקע".

די צווייטע גרויסע דראַמע „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק" וואָס איז געקומען אַרום 1906, איז איינע פון די מערקווירדיקסטע ווערק ניט נאָר ביי אונז נאָר, ווען איך וואָלט געוועזן מער בקי, וואָלט איך געזאָגט, אויך אין דער וועלט־ליטעראַטור. ביי אונז איז עס איינע פון די ביטערסטע, שאַרפסטע סאַטירעס אויפן אידישן לעבן, דער עיקר אויף דער היינטצייטיקער אידישער צעטיילונג־צעריסנקייט. אין דער וועלט־ליטעראַטור איז עס אַ דאָפּלטער, גרוילהאַפטער גראָטעסק, אַ געלעכטער מיט יאַשטשערקעס, אָדער ווי מען זאָגט ביי די אומות, גאַלגן (תליה) הומאָר.

האָבנדיק געקומען אַרום יאָר 1906, באַלד נאָך דער טראַגיש־צעבראָכענער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע פון 1905, איז די דראַמע אויף איר אַ גרוילהאַפט־אכזריות׳דיקער חוזק. פון בדחן (קלאָון בלע"ז) גערופן, שווימען צוערשט, פון דער וועלט פון שאָטנס אַרויס, אַלערליי משונה׳דיקע געשטאַלטן, קאַליקעס, מערדער, געהאַנגענע, מענטשן־אָן־קעפּ, עקלהאַפט־באַשטראָפטע, צנועות און אויסגעלאַסענע. עס צעקלינגט זיך פון זיך אליין דער קלויסטער־גלאָק, עס צעקרייט זיך דער וועטער־האָן אויפן דאַך און אפילו די שטיין־בילדער אויף דער וואַנט פון מאַגיסטראַט שטשירען מיט אויגן און ציין און הפקרות. דאָן קומט, אויפן זעלבן בדחן־קלאָונ׳ס רוף, די אמתע רעוואָלוציע — די טויטע פון זייערע קברים. די רעוואָלוציע דויערט, נאַטירלעך, ניט לאַנג, פון די ערשטע צייכנס פון באַגינען צעלויפן זיך די מתים, אויף אַן ענלעכן אופן ווי זיי זיינען געקומען, צוריק אין זייערע קברים אריין.

איז דאָס דער אַלגעמיינער רעוואָלוציע־גראָטעסק. דער מורא׳דיקסטער, דער ביטערער־זיסער, אי אָפּשטויסנדיקער, אי פּאָעטיש־פאַנטאַסטישער יאַשטשערקע־געלעכטער, איז דער אידישער, וואו סיי צווישן שאָטן־געשטאַלטן און סיי צווישן מתים, אַלערליי זינדיקע, נאַרמאַלע

און קרענקלעכע, יונגע און אַלטע, ריינע און אומריין־פֿאַרשימלטע, שפּילן זיך אָפּ סצענעס, וועלכע זיינען ניט בלויז אַ נאָכקרימעניש, נאָר דער עיקר אַ נאָכשפּיל, אַ זיסינקע פּאָסמאַקעניש נאָך מצווה־פֿרייד און ציכטיקייט און צעלאָזנקייט בשעת זייער לעבן. טויטע לאָזן זיך הפקר׳דיק וואוילגיין, טויטע ניבול־פּה׳ען, טויטע זינדיקן, טויטע שמירן זיך אין זיסן עקל.

www.libtool.com.cn

איז וועלכער אנטרעפּאָניער אָדער רעזשיסער האָט געקענט טראַכטן פֿון אויפֿפֿירן אַזאַ דראַמע פֿון שטויב און דרויב און ווייטיק־שאָטנדיקער אומענדלעכקייט? העכסטנס האָט מען די דראַמע דאָ און דאָרט געשטעלט פֿראַגמענטנווייז, אי דאָס נאָר אין האַלב־דילעטאַנטישע קרייזלעך.

די דריטע דראַמע „אין פּאַליש אויף דער קייט" וואָס, אויב איך געדענק ריכטיק, איז זי געקומען די לעצטע, איז אין שפּראַך און סטיל און מאַניער אַזוי אַנדערש פֿון די אַנדערע צוויי, אַז איך בין שיר ניט איבערצייגט, אַז זי איז אַ באַארבעטונג און אַן אָפּפֿרישונג פֿון עפּעס אַ זאַך וואָס האָט זיך ביי פּרץ׳ן פֿאַרוואַלגערט פֿון זיינע גאָר פֿריאיקע שרייב־יאָרן. עפּעס לעבט נאָך דאָ דער פּאַליש (אָדער די קונע) אַלס די שטראָף־אינסטיטוציעס פֿון קהל. עס לעבן נאָך (אויב זיי זיינען גאָר אַמאָל געווען) קלויזניקעס וואָס טוען אָפּ מעשים תעתועים מיט כשרע בעל־הבית׳ישע טעכטער. דערביי צישעט און בלינצלט אַ געשלעכטלעכקייט, וואָס מען האָט פֿריער ניט־געהערט־ניט געזען, בפֿרט ביי די עלטערע שרייבער. וואָס איז שייך שפּראַך און סטיל, זיינען זיי אפשר די ראָמאַנטישסטע אפילו ביי פּרץ׳ן.

אין ניו־יאָרק איז „אין פּאַליש אויף דער קייט", היפּשלעך פֿאַרוויסט מיט „קלאָסן־קאַמף", מיט עטלעכע יאָר פֿריער אויפֿגעפֿירט געוואָרן פֿון דער „פֿאָלקס־בינע", אונטער דער רעזשי פֿון דוד ליכט. דער דערפֿאָלג איז ניט געווען פֿון די גרעסטע.

## דער סוף

אפילו אין די לעצטע פּאָר יאָר פֿון זיין לעבן איז פּרץ, כאָטש שוין אַ צוויי־און־זעכציקער, ניט אַנטשוויגן געוואָרן. אין יענער צייט, אויב איך געדענק ריכטיק, האָט עס פּרץ, אין ש. ניגערס חודש־זשורנאַל „די אידישע וועלט", פֿאַרעפֿנטלעכט זיינע זכרונות, וואָס אַחוץ די פֿאַרעפֿנטלעכטע פֿאַקטן, סיי פֿערזענלעכע און סיי קהלשע, זיינען זיי נאָך אויסנאַמהאַפֿטיק מיטן כראָניקערס אייזערנעם זכרון און גלוטיקער פֿאַרשטעלונג.

וואָס איז שייך געזעלשאַפטלעך־ליטעראַרישער טעטיקייט איז פּרץ, אין יענער צייט, געווען גאָר ניט ווייניקער אַקטיוו איידער פריער.

www.libtool.com.cn

דאַן איז אין מיטן זומער פון יאָר 1914 אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה און די אידן פון פּוילן, ליטע און רייסן זיינען געווען די ערשטע אויפן פייער, ניט נאָר פון דער מלחמה גופא נאָר, נאָך מער, פון די גרויזאַמסטע גזרות פון דער צאַרישער רעגירונג בכלל און פון אירע פעלד־מאַרשאַלן בפרט.

פון דער מלחמה גופא האָט נאָר פּרץ באַוויזן אַראָפּצוכאַפּן זיין דערציילונג „אויך אַ קרבן“, אַ בילד פון אַן אַלטן אינוואַלידישן בטלן, וואָס ליגנדיק צוגעקאָוועט צו זיין געלעגער אין קלויז, ווערט ער צעבאָמ־באַרדירט פון האַרמאַטן און גאָר לסוף שטייט איבער אים אַ רוסישער סאָלדאַט מיט אַ שווערד און שיפּעט אין אים אַריין: „שפּיאָן!“. מיט זיין לעצטן ברעקל „דעת“ באַוויזט נאָך דער גאָטספאַרכטיקער בטלן אויסצורעכענען, אַז אָט איז ער שוין איבערגעקומען אַלע ארבע מיתות בית דין, סקילה, שרפה, חנק און הרג.

אַז די צאַרישע גזרות האָבן אָנגעהויבן אַראָפּדונערן אויף די קעפּ פון די רוסיש־פּוילישע אידן און גאָר צוערשט איז דערשטיקט און דער־וואָרגן געוואָרן די גרויסע אידישע פּרעסע פון פּוילן און דרום־רוסלאַנד, האָט פּרץ נאָך באַוויזן, צי מינדלעך, צי ערגעץ אין אַ לעצטער שריפט, אַרויסצושרייען דעם מורא׳דיקסטן, דעם הויך־פּאַטעטישסטן יאָמער־רוף צום כל ישראל פון די יאָמער־ראַיאָנען:

אידישע קינדער, שרייבט! די מיילער פון אייערע אידישע שרייבער זיינען פאַרבונדן. אייער פּרעסע איז דערשטיקט. מיר קענען ניט דער־ציילן וואָס איר לעבט איצט איבער. איז שרייבט איר, ווי איר קענט און וואָס איר ווייסט, פאַרשרייבט אַלץ וואָס איר לעבט איבער, וואָס איר מאַכט דורך, וואָס איר זעט און וואָס איר הערט — אידישע קינ־דער, פאַרשרייבט עס, למען ידע דור אחרון!

(און עס איז דערפילט און מקוים געוואָרן ווי אַן אזהרה־נבואה. עס איז פאַרשריבן און דערציילט און אויסגערעכנט געוואָרן, פון אַלטע און נייע שרייבער, פיל אויף אַ הויך היסטאָריש־מאַרטיראָלאָגישן שטייגער).

און שפּעטלעך אין יולי פון 1914, איז געקומען אפשר דאָס גרויל־האַפטעסטע. דער פעלד־מאַרשאַל ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש (דעם צאַר ניקאָלאַיס גאָר אַ נאָענטער קרוב) האָט אַרויסגעטריבן אַלע אידן פון קאָוונע און פון אַנדערע צו פּרייסן און צו אַנדערע מלחמה־ערטער נאָ־ענטע שטעט. האָט דער שרעקלעכער נע־ונד שטראָם געבראַכט אַ מאַסע אידן מיט זייערע קינדער אויך קיין וואַרשע. פּרץ האָט דאָס דערזען,

גאָר באַזונדערס האָט ער דערזען די הימלאָזע, פּאַרוואָרלאָזטע, פון זייערע חדרים און תלמוד־תורות אָוועקגעריסענע קינדער, און ער האָט, אינאיינעם מיט זיין לעבנס־חבר יעקב דינעזאָן, זיך אַריינגעשליידערט אין דער אַרבעט צו גרינדן קינדער־היימען, וואָס זאָלן גאָר באַזונדערס זיין אידישע שולן פאַר די קינדער. אַחוץ שפּייז־שיך און זאָקן־פּאַר־זאָרגער האָט פּרץ אויף זיך גאָר באַזונדערס פאַרשריבן די ראָליע פון איבער־לערער פון יענע אידישע קינדער־שולן. און ווייל מען האָט אַם אַלערנויטיקסטן באַדאַרפט פאַר די קינדער לידעלעך צו לייענען און צו זינגען, האָט פּרץ, דער דריי־און־זעכציק יאָריקער זקן, זיך אַוועק־געזעצט אַזעלכע לידעלעך אָנצושרייבן.

ניט שייך צו ריידן פון דעם צי איז דער הויכער פּאָעט פּרץ אויך מסוגל געווען קינדער־לידלעך צו שרייבן. ניט שייך צו ריידן, צי זיינען די לידלעך געווען די אידעאַלע. פּרץ האָט קיינמאָל ניט פאַרפעלט צו זיין אַ מבין אויף זיך אַליין. איז אודאי האָט ער די אומקינדישקייט פון אייניקע אָדער מער לידער באַמערקט ניט ערגער פון אַנדערע. אָבער די נויט פון בשעת חירום (בשעת מלחמה) האָט אויך געבראָכן די פּיין־שמעקעריי.

אומגעפער אַ יאָר צייט האָט פּרץ דידאַקטיקע לידלעך אָפּגעשריבן. דאָס לעצטע לידל, געבליבן אַ נישט־געענדיקטס, האָט ער ביי זיין שרייב־טיש — פּרץ׳ס שרייב־טיש, צי איז עס כאָטש ערגעץ נאָך פאַראַן? — זיך אַעקגעזעצט שרייבן אין פרימאָרגן פון דעם צייטן טאָג פּסח. אַוועק־זיך אַוועקגעזעצט שרייבן אין פרימאָרגן פון דעם צווייטן טאָג פּסח. אַוועקגעזעצט זיך, אָנגעבויגן די ברוסט, אייניקע שורות נאָך אָנגע־פירט — און פּרץ׳ס האַרץ האָט געפּלאַצט!

„געפּלאַצט״? — אַזוי טראַכטן און זאָגן מענטשן — וואָס, ווי פּרץ זאָגט אין „אַראָפּגעלאָזטע אויגן״, ווייסן נישט וואָס אויף דער נשמה איז. דאָס טיפערע אידישע לעבן אָבער זאָגט, אַז פּרץ׳ס האַרץ שלאָגט און קוועלט אומאויפהערלעך אין אונזער ליטעראַטור, אונזער לעבן און אונזער היסטאָריע.

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

# א. י. ל. פרץ-ליסטע

## פון דעקלאַמאַציעס און פאָרלעזונגען

(צוזאַמענגעשטעלט פאַר פרץ־יום־טובים
פון אידיש נאַצ. אַרבעטער פאַרבאַנד)

**פון יואל ענטין**

## הקדמה

אין יאָר 1892 איז אין דער „אַרבעטער צייטונג", דאַמאָלס דאָס ליטעראַרישסטע אידישע בלאַט, ארויפגעשוואומען אַ וואונדערלעכע סענסאַציע. איין וואָך, נאָך עטלעכע געזונטע באַקאַנטמאַכונגען, האָט דאָרט געגומען שרייבן אַ שרייבער פון רוסלאַנד — „פּ" האָט ער גע־הייסן — „פּ", זיך אויסבאַהאַלטנדיק פון דער צאַרישער רעגירונג. באַלד געוואויר ווערנדיק אַז „פּ" איז פרץ און, כאָטש ניט אַלע האָבן געוואוסט ווער אייגנטלעך ער איז, איז אָבער צו אַ סך דערגאַנגען די ידיעה, אַז פרץ איז שוין לאַנג אַ חשובער תושב אין דער העברעאישער זשורנאַליסטיק און אויך אויף אידיש האָט ער שוין באַוויזן צו מאַכן אַ רושם אין אַ פּאָר יאָריקע אויסגאַבן פון שלום עליכם׳ען און אַנדערע. פרץ׳ס שטאַרקסטער רושם איז אָבער געווען דאָ אין אַמעריקע גופא. אַ געפּערלטע שפּראַך, שאַרף־קאַנטיקע בילדער, טיפע רעיונות. אמת, ניט אַלץ איז געווען קלאָר, אָבער דאָס וואָס מען האָט פאַרשטאַנען, האָט אַזוי געגרעדט צום האַרצן פון סאָציאַליסטישן לעזער. דער שאַרף־ביטערלעכער ראַדיקאַליזם פון „דאָס שטריימל"; דער רחמנות׳דיקער פּאַטאָס און די טרויעריקע איראָניע פון „באָנטשע שוויַיג" — אפילו דער שפּראַכלעכער וואויל־קלאַנג און די פאַנטאַסטישע מעשה׳דיקייט פון „ער שפּילט פאַרן טייוול".

האָט שוין דאַן אין ניו־יאָרקער אידישן קוואַרטאַל און אין די קאָ־לאָניעס אויף דער פּראָווינץ געלעבט און געבליט די אינסטיטוציע פון עפנטלעכע „פאָרטראַגן" און דעקלאַמאַציעס, שטראָפנדיק־צערנענדיק אויף דער סאָציאַליסטיש־אַנאַרכיסטישער טריבונע, לאַכנדיק־קרימענ־

www.libtool.com.cn

דיק אַרום אידישן טעאַטער; פון דער זייט דוד עדעלשטאַט, מאָריס ראָזענפעלד און מאָריס ווינטשעווסקי, פון יענער זייט גאָלדפאַדענישע לידלעך און שמאַלצעוודיקלעכע טעאַטער־קופּלעטן.

און איצט אַז פּרץ האָט זיך געלאָזט הערן, האָבן איםביידע אויפגעכאַפּט, די ערשטע צוליב זיין ביטערן שפּאָט און מוסר'דיקן פּאַטאָס, די צווייטע — אַמאָל פאַר זיין אָפענער שיינקייט און אַמאָל גיכער גאָר פאַר זיינע האַלב־פאַרשטעלטע לינקלעכע אָנצוהערענישן. האָט דער אַנאַרכיסט געשטורעמט און געצאָרנט אין „באָנטשע", האָט דער דאַמאָלס באַליבטער קאָמיקער שמואל טאַרנבערג געלעבט און געלאַכט אין „כעלעמער מלמד". און מיט די יאָרן, ווער רעדט אין אָנהייב יאָרהונדערט, אַז ס'איז אַרויס פּרץ'ס גרויסע יובילײ־אויסגאַבע, איז דער פּרץ־רעפּערטואַר פון אונזערע פירלייענער און דעקלאַמאַטאָרס זיך גאָר היפּש צעוואַקסן.

אַ גרינטלעכע רעפאָרמע אויף דער פאַרלעזעריש־דעקלאַמאַטאָרישער פּרץ־אַרענע האָט דורכגעפירט דער פּראָגרעסיוו דראַמאַטיק קלוב (געלעבט פון 1902 ביז 1912). כאָטש דער קלוב האָט, נאָך זיינע ערשטע צוויי יאָר, דער עיקר זיך אַריבערגעוואָרפן אויף דראַמאַטישע פאָרשטעלונגען, האָט ער אָבער קיינמאָל ניט אויפגעהערט צו לייענען און דעקלאַמירן. און זיינע ליבלינגער זיינען געוועזן רייזען און יהואש, שלום־עליכם און פּרץ. דעם לעצטן האָט ער (אַחוץ זיינע פּאַרטיקע איין־אַקטערס) פיל מאָל דראַמאַטיזירט און געשפּילט, אָבער מער פון אַלץ האָט ער אים געלייענט. און זיין הויפּט־רעפאָרמע איז געווען: ריינע ליטעראַרישקייט; אויסגעמיטן אַלץ וואָס איז טענדענציעז אָדער שרייעוודיק; פּאָעטישע שיינקייט; דאָס נישט־פּאַרטונקלטע גאָלד פון שיינעם וואָרט און בילד (אפילו ווען די זאַך אליין איז היפּש פאַרנעפּלט).

די לעצטע יאָרן זיינען אונז דאָ צוגעקומען פיל פירלייענער און דעקלאַמאַטאָרס פון פּוילן און רייסן. זייער פּרץ־רעפּערטואַר איז אפשר נאָך גרעסער ווי פונם פּראָגרעסיוו דראַמאַטיק קלוב. אָבער דאָס וואָס דער קלוב האָט פאַרוואָרפן, אַנטהאַלט ער ניט.

אויסשטעלנדיק די איצטיקע ליסטע, בין איך געגאַנגען אין די טריט פון יענעם קלוב. איך האָב זיך אויך גערעכנט מיטן גייסט פון פּוילן און ווייס־רוסלאַנד, ווערליק איך זע אים אין אונזערע נייע אַרטיסטישע קרעפטן. און, נאַטירלעך, איז די ליסטע אויסגעשטעלט אין איינקלאַנג מיט מיין אַרבעט וועגן פּרץ'ן, וואָס די ליסטע ווערט דאָ צו איר בייגעלייגט.

www.libtool.com.cn

# ערשטע גרופּע

## פּאָעמען און לידער

### (פאַרלאַג „אידיש״, ערשטער באַנד)

1. **צווישן בלומען** (זייט 8)

2. **קליינע מענטשן, דראָבנע מענטשן** (זייט 23)

אָנמערקונג: דער פּירלייענער זאָל נאָר קיין טעות ניט האָבן: די לעצטע שורה („גישט צום גראַם״) איז אויך אַ טייל פון ליד און טאַקע אַ וויכטיקער און אַלס אַזאַ דאַרף ער אַרויסדעקלאַמירט ווערן. און דער מיין איז אַז די גאַנצע וועלט גראַמט ניט.

3. **אַ טעאַטער איז די וועלט** (זייט 29)

אָנמערקונג: דאָס איז איינע פון די לידער, וואָס איך רוף אָן אין מיין אָפּהאַנד־לונג וועגן פּרעץ'ן בייראָניש אָדער שטניש. און אַלס אַזאַ דאַרף עס דעקלאַמירט ווערן.

4. **ער און זי** (זייט 66)

אָנמערקונג: די עלפטע שורה איז אין בוך פאַרגרייזט און דאַרף זיך לייענען: „די צווייטע — פול אמת, פול יושר און משפט...״ אין געפיל און געדאַנק איז דאָס ליד ענלעך צו דער פּריערדיקער, אַחוץ וואָס דאָ קומט נאָך צו טרויעריקע איראָניע.

5. **מיין נישט, די וועלט איז אַ קרעטשמע באַשאַפן** (זייט 97)

אָנמערקונג: די ליד, וואָס איז גוט באַקאַנט, אפילו אונזערע שול־קינדער, איז אַ פּשוטער, אָבער שטאַרקער און באַהאַרצטער סאָציאַלער מוסר־געזאַנג.

6. **דריי נייטאָרינס** (זייט 98)

אָנמערקונג: די ליד, איינע פון די סאַמע שענסטע און שטאַרקסטע, איז אַזוי שטאַרק און שיין, אפשר טאַקע אַ דאַנק די אידישע שטריכן אָדער דעטאַלן אין איר. די ליד דאַרף געלייענט ווערן אָן חכמות — נאָר ערלעך, אינטעליגענט און שטאַרק. וועט זי ניט פאַרפעלן צו מאַכן אַ שטאַרקן רושם אויף די צוהערער.

www.libtool.com.cn

7. **די צווייַ ברידער** (זייט 113)

אַנמערקונג : דידאַזיקע דעקלאַמאַציע, וואָס דער פּראָגרעסיוו דראַמאַטיק קלוב האָט געקראָגן פון רוסלאַנד און פאַרשפּרייט איבער אַמעריקע, איז ניט קיין זעלבשטענדיקע ליד ביי פּרץ'ן (און אודאי גייט זי ביי אים ניט אונטער אַזאַ נאָמען) נאָר איז אַן אויסצוג פון זיין גרויסער דראַמאַטישער פּאָעמע „ביי דעם פרעמדן חופּה־קלייד". די דעקלאַמאַציע הייבט זיך אָן מיט דער שורה „אויף יענער זייט ים", אויף זייט 113 און גייט ביז דער שורה „אויף יענער זייט ים רייסט מען זיך שוין ביי די האָר", אויף זייט 116. דאָס ליד איז אַ שטאַרקע און שיינע אַלעגאָריע וועגן קאַפּיטאַל און אַרבעט.

8. **פון יחזקאל** (זייט 252 ביז זייט 253)

אַנמערקונג : די ליד איז, נאַטירלעך, וועגן פאַלשע, פאַרפירערישע פּירער. „פאַלשע פאַסטעכער" איז אַ באַקאַנטער אייראָפּעאישער אויסדרוק.

## צווייטע גרופּע

### דערציילונגען און בילדער

1. **אַ כעם פון אַ אידענע** (פאַרלאַג „אידיש", דריטער באַנד, זייט 70)

אַנמערקונג : אַ בילד פון אַלטן אידיש־פּוילישן לעבן, וואָס אין אַ געענדערטער פאָרמע, איז עס ערגעץ פאַראַן נאָך היינט.

2. **עלנט** (זייט 77)

אַנמערקונג : ביי אַן אינטעליגענטן פאַרלייענען דאַרף די זאַך אַרויסרופן ביים צוהערער, ניט קיין חוזק פונם אומגליקלעכן העלד, נאָר רחמנות אויף אים.

3. **קלאָץ געשיכטן** (זייט 87)

אַנמערקונג : דאָס איז אַ כאַראַקטעריסטישער ביישפּיל פון אַ ריי זאַכן ביי פּרץ'ן, וואו דערציילונג מישט זיך מיט מעשה'לע, פּאָעזיע מיט פּראָזע.

4. **דאָס קראַנקע אינגל** (זייט 217)

5. **אַ ליבע** (זייט 224)

אַנמערקונג : דאָס איז ווידער אַ ביישפּיל פון פּרץ'ס געמישן פון פּאָעזיע מיט פּראָזע. אנשטאָט אַ דערציילונג איז עס אַ מאָנאָלאָג פון אַ יונג מיידל, וואָס ליבט, ריכטיקער — וואָס בענקט נאָך ליבע. פירגעלייענט מיט אַ סך שטימונג און שטאַרק, דאַרף די זאַך מאַכן זייער אַ שטאַרקן רושם.

6. **שוועסטער** (זייט 255)

www.libtool.com.cn

אַנמערקונג: איז אינטערעסאַנט אַלס דאָס לעבן פון אַ היינטיקער אַרבעטער־מיידל, אין אַ שטאָט ווי וואַרשע, למשל.

7. **דאָס וואַסערל** (פאַרלאַג „אידיש", צווייטער באַנד, זייט 95)

אַנמערקונג: אַ מעשה פון די „רעכטע גערדיכטע" פונם היינט שוין חרובֿ׳ן פוילישן לעבן. וואָלט זייער גוט געקענט גיין ווי אַ פאָלקסטימלעכע געשיכטע, אָבער דער איד וואָס דערציילט די מעשה איז זייער לעבעדיק און לעבעדיק איז אויך די גאַנצע אומגעבונג.

8. **דער פאַרשאָלטענער ברונען** (פאַרלאַג „אידיש", צווייטער באַנד, זייט 141)

9. **די לעזערין** (פאַרלאַג „אידיש", אַכטער באַנד, זייט104)

אַנמערקונג: אַ קליין, שרעקלעך בילד פון דער סאַמע אָרעמסטער רביבה, וואו עס צאַפּלט זיך דאָך אַ יונגע נשמה, וואָס גאַרט צו לעבן. — זי לייענט שמ״ר׳ס אַ ראָמאַן, אָבער דאָס איז נאָר אַ צופאַל. עס וואָלט פונקט אַזוי גוט געקענט זיין אַ ראָמאַן פון יעקב דינעזאָן, פּרץ׳ס בוזים־פריינט. פּרץ איז דאָ גאָרניט אויסן געווען צו לאַכן פון שמ״ר׳ן. — דער פאָרלעזער קען, דאַריבער, אויב ער וויל, די לעצטע צוויי ווערטער „פון פּיפּערנאָטער" אויסלאָזן.

10. **דאָס זיבעטע בענטש־ליכטל** (זייט 110)

אַנמערקונג: אַ שיין, שטאַרק און האַרציק בילד פון אַלטן־פרומען פוילישן לעבן. — פירגעלייענט אין אַמעריקע, וואו דאָס וואָרט „פּריסאָזשני", צום סוף, וועט ניט פאַרשטאַנען ווערן, קען עס פאַרביטן ווערן מיטן וואָרט „אַד־וואָקאַט".

11. **די ווילדע בריאה** (אַכטער באַנד „אידיש", זייט 116)

## דריטע גרופּע

### מעשהלעך און פאַנטאַזיעס

1. **דער קרבן** (פאַרלאַג „אידיש", פינפטער באַנד, זייט 71)

2. **די רויז** (פאַרלאַג „אידיש", פינפטער באַנד, זייט 156)

אַנמערקונג: פאַרשטייט זיך, אַז די רויז איז דאָ דער סימבאָל פון דער פרוי.

3. **פון וועג אַראָפּ** (דער זעלביקער באַנד, זייט 168)

אַנמערקונג: אַ וואונדער־שיינערביישפּיל פאַר, אָדער פון, אַלע וואָס רעבע־לירן, רייסן זיך פון שפּאַן אַרויס.

www.libtool.com.cn

4. **עולם־הבא** (אַ מעשה׳לע פון דול־הויז), זעלביקער באַנד, זייט 171)

אַנמערקונג: דאָס איז, נאַטירלעך, אַ מאַנאָלאָג און ווי אַזאַ דאַרף ער געלייענט ווערן. די לעצטע שורה, וועגן די כל־בו׳ניקעס, וואָס וועגן זיי איז אין בוך די נעקסטע מעשה׳לע, קען אָבער דאָ אויסגעלאָזט ווערן.

5. **די בילד הויער** (אין דעם זעלביקן באַנד, זייט235)

6. **דער אויסלענדישער פויגל** (זייט 244)

אַנמערקונג: אַ פאַנטאַזיע וועגן אַ מין תחית המתים. דאַרף קלינגען זייער שיין, אויב שיין פאָרגעלייענט.

7. **דער אייביקער פרידן אין ערגיץ־לאַנד** (זייט 254)

אַנמערקונג: אַ פאַנטאַזיע וועגן פרידן, אנשטאָט מלחמות.

8. **פון וואַנען נעמט זיך: ער שפּילט פאַרן טייוול** (אכטער באנד, פאַרלאַג „אידיש", זייט 14)

אַנמערקונג: אַ ריינע, וואויל־קלינגעוודיקע מוזיק־פאַנטאַזיע, נאָך מיט אַ באַזונדערן חן וואָס ווערט אָנגעהויבט פונם שטעטל.

9. **וואָס מתים דערציילן** (אַכטער באַנד, אָפּטייל מעשה׳לעך, זייט 3)

אַנמערקונג: אַ וואונדער־שיינע זאַך, דערמאָנענדיק אויף פּרץ׳ס גרעסטער מעשה „דריי מאָל געפּרופן". עס איז אַ מעשה׳לע פון לעבן און לעבנס־סוד.

10. **ביים פּאַקיר** (דער זעלביקער באַנד, די זעלביקע אָפּטיילונג, זייט 3)

אַנמערקונג: כלומרשט אַן אינדישע מעשה וועגן שטאָלצער אומאָפּהענגיקייט און פרייהייט.

## פערטע גרופּע

### פעליטאָנען

1. **עשו שפּילט** (באַנד 13, פאַרלאַג „אידיש", זייט 208)

אַנמערקונג: זייער אַ שיינער פעליטאָן אָדער עסיי, אַ מין מאָדערנע דרשה וועגן דעם גורל פון אידישן פאָלק צווישן די פעלקער. — אויב שיין, באַ־טעמ׳ט פירגעלייענט, קען עס זיין, אַחוץ גאַנץ פאַרשטענדלעך, אויך ווייטיקדיק אָנגענעם.

2. **צווישן געדאַנק און דיכטונג** (אין זעלביקן באַנד, זייט 253)
www.libtool.com.cn

אָנמערקונג: אויב שטיל־פּאַנטאַסטיש פירגעלייענט, קען דער איינדרוק זיין אפילו טראַגיש־שיין.

3. **די ירושה** (זעלביקער באַנד, זייט 256)

אָנמערקונג: אַ שיין־קלינגעוודיקער לירישער אויסגוס פונם פּאָעט.

# פינפטע גרופּע

## חסידיש און חסידיש־פילאָזאָפיש

1. ***משנת חסידים*** (זעקסטער באַנד, פאַרלאַג „אידיש", זייט 74)

אָנמערקונג: אַ הערלעכע זאַך, וואָס דאַרף פירגעלייענט ווערן זייער פייער־לעך, מיט „הייליקן" עקסטאַז — אָבער זייער אָפּגעהיט, ניט אַריינצופאַלן אין איבערטרייבונג, אין, חלילה, עפּעס אַ פאַלשן טאָן. — דער פאָרלעזער דאַרף זיך אויך היטן ניט אַריבערצופירן דעם דערציילער איבער דער גרעניץ פון תמימות.

2. **אַ גלגול פון אַ ניגון** (זייט 32)

אָנמערקונג: ווייל די וועלט־באַרימטע דערציילונג איז עטוואָס לענגלעך פאַר אַ געוויינטלעכער פאָרלעזונג, קען מען זי אָנהייבן אויף זייט *36*, פון דער שורה „און אַ ניגון לעבט און אַ ניגון שטאַרבט". — אין די מוזיקאַליש־באַ־שרייבערישע טיילן, איז דער ריטם אַ שנעלער. דער פירלייענער דאַרף זען אים מיטהאַלטן.

3. **אויב ניט נאָך העכער** (זייט 78)

4. **בערל דער שניידער** (זייט 84)

אָנמערקונג: אַ לעבעדיקע דערציילונג, וואָס דאַרף לעבעדיק פירגעלייענט ווערן.

5. **אַנטפלעקט** (זייט 148)

אָנמערקונג: דידאַקטיקע דערציילונג האָט שוין מער ניואַנסן (צום ביישפּיל פון למדן, ווען ער ווערט אַנטפּלעקט), וועלכע דאַרפן אַרויסגעבראַכט ווערן.

6. **וואָס אַמאָל ווייניקער** (זייט 206)

(פון יוחנן מלמד'ס מעשה'לעך: אָנהייבן פון שורה 12 „און איך וועל אייך דערציילן").

אָנמערקונג: דער טאָן דאַרף זיין אַ לעבעדיקער, אָבער אַ גאַנץ ערנסטער, ווי פון אַ אידן אַ תלמיד־חכם און אַ פילאָזאָף.

7. **הכנסת כלה** (זייט 252)

www.libtool.com.cn

# זעקסטע גרופּע

## פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן

1. **ביים גוסס צוקאָפּנס** (זיבעטער באַנד, פאַרלאַג „אידיש", זייט 7)

אָנמערקונג: די מעשה איז אַ ריין־סאָציאַלע, אָבער אין אַ מיסטישן ראַם. דער ראַם דאַרף אַרויסגעבראַכט ווערן מיסטיש, עס הייסט פּאָלקלעך־פּאַרצייטיק, די מעשה איינפאַך ערלעך.

3. **די תאוה צו קליידער** (זעלביקער באַנד, זייט 44)

אָנמערקונג: דערזעלביקער איינפאַך־פּאָלקלעכער, אויב מעגלעך ווייבערישער טאָן.

3. **אַראָפּגעלאָזטע אויגן** (זייט 52)

אָנמערקונג: אין די ריין־דערציילערישע טיילן קען דערדאָזיקער זעלטענער פּערל, אויף אַ האָר געקירצט ווערן. — ליידער איז ער ניט גאָר פּאַסיק פיר־צולייענען פאַר יוגנטלעכע.

4. **דער אוצר** (זייט 85)

5. **דרשה־געשאַנק** (זייט 123)

אָנמערקונג: דער טאָן דאַרף דאָ נאָכן אָפּטרעטן פונם בעל שם זיין ווי אַ קינדער־צויבער־מעשה'לע.

6. **אַ קאַפּיטל תהלים** (זייט 199)

7. **שמע ישראל אָדער דער באַם** (זייט 207)

אָנמערקונג: דער טאָן פון די צוויי דאַרף זיין אי איינפאַך־פּאָלקלעך, אי ערנסט־פרום און אַ האָר מיסטיש.

8. **נסים אויפן ים** (זייט 23)

אָנמערקונג: דער טאָן איינפאַך, צויבער־מעשה'דיק.

9. **מלוה מלכה** (זייט 232)

אָנמערקונג: דער טאָן נאָך אַלץ איינפאַך, אָבער דאָך שוין מער ווי פון אַ פאַנטאַסטישער דערציילונג.

10. **דער אַרענדאַר** (זייט 270)

אָנמערקונג: דער טאָן פון דער גרויסער, ערנסטער און כמעט פסיכאָלאָגישער מעשה דאַרף נאָך אַלץ זיין איינפאַך, אָבער שוין עטוואָס מיסטיש.

11. **דער דין תורה מיטן ווינט** (דריי קיכלעך) (זייט 309)

אָנמערקונג: דער טאָן דאַרף דאָ זיין ווי פון אַ צאינה וראינה אַרויסגעלייענט.

# זיבעטע גרופּע
www.libtool.com.cn

## פיר יום־טוב מעשהלעך

1. **דער קונצן־מאַכער** (קען אויך הייסן „ווי אליהו הנביא מאַכט אַ סדר") (פאַרלאַג „אידיש", זיבעטער באַנד, זייט 74)

   אָנמערקונג: דער טאָן פון דער פאָלקס־מעשה דאַרף אָפּגעהיט ווערן.

2. **ס'איז גוט** (קען אויך הייסן „דער שפּאַלער זיידע" אָדער „די הגדה") (זיבעטער באַנד, פאַרלאַג „אידיש", זייט 80)

3. **אַ חנוכה־לעמפּל** (באַנד 3, זייט 301, פון דער פּרץ־ציק"א־אויסגאַבע, 1947)

   אָנמערקונג: דער טאָן אַ בעל־הבית'יש נאָכדענקענדיקער.

4. **דער שפּילער** (אַ פּורים־מעשה) (באַנד 4, זייט 380, ציק"א־אויסגאַבע, 1947)

www.libtool.com.cn




## ברידער (אַלע מענטשן זײַנען ברידער)

### פון י. ל. פּרץ

מוזיק : לודוויג וואַן־בעטהאָווען

אַלע מענטשן זענען ברידער,
שוואַרצע, ווייסע, ברוינע, געלבע...
אַנדערש זיינען נאָר די פאַרבן,
די נאַטור, די איז — דיזעלבע :

אַלע מענטשן זענען ברידער :
געלע, ברוינע, שוואַרצע, ווייסע...
פעלקער ראַסן און קלימאַטן —
ס'איז אַן אויסגעקלערטע מעשה.

www.libtool.com.cn




## איך גיי אַרום אין פרעמדן לאַנד

**פון י. ל. פּרץ**

מוזיק : סעמועל ה. לעווין

איך גיי אַרום אין פרעמדן וואַלד.
עס לייכט די זון, דאָך מיר איז קאַלט.
זינגען וויל איך, מיין געזאַנג
ווערט פאַרשטומט אָן ווידערקלאַנג !

עס איז קיין פרייע ליבע וועלט,
עס גרינט און בליט דאָס פרעמדע פעלד ;
איך רייס אַ בלום און לעג אין שויס, —
אַך, מיך שטעכט די פרעמדע רויז !

www.libtool.com.cn




# האָף און גלויב

פון י. ל. פּרץ

מוזיק : בען יאָמען

האָף ! נישט ווייט איז שוין דער פרילינג,
ס'וועלן שמעטערלינגען שפּרינגען !
נייע נעסטן, נייע פייגל ;
וועלן נייע לידער זינגען ; —

גלויב, די נאַכט וועט שוין פאַרשווינדן.
און די וואָלקן אויך צערינען,
בלוי וועט ווייטער זיין דער הימל —
נייע שטערן, נייע זונען !




# טרייסט מיין פאָלק

## פון י. ל. פּרץ

מוזיק: וולאַדימיר חפץ

טרייסט מיין פאָלק, עס דאַרף די טרייסט,
שטאַרקט דאָס האַרץ, מאַכט פעסט דעם גייסט.
זייט ניט דער ווינט וואָס לעשט די פלאַם,
נאָר בלאָזט זי אויף, ווייל נאַכט איז סם!

נאָר בוימל גיסט און פוצט די קנויט,
ווייל נאַכט איז גיפט און שלאָף איז טויט.
טרייסט מיין פאָלק, עס דאַרף די טרייסט,
מאַכט פעסט דאָס האַרץ און שטאַרקט דעם גייסט.

נאָר בוימל גיסט און פוצט די קנויט,
ווייל נאַכט איז גיפט און שלאָף איז טויט.
טרייסט מיין פאָלק, עס דאַרף די טרייסט,
מאַכט פעסט דאָס האַרץ און שטאַרקט דעם גייסט.

עס האָט געלויכטן שוין ניט איין נאַכט.
עס האָט געזיגט שוין ניט איין שלאַכט.
און ניט געלאָזט די פאָן פון האַנט!
עס שטייט — אַן אייזן פעסטע וואַנט!

עס שטייט — אַן אייזן פעסטע וואַנט!
אין וויסטן ווילד־פאַרקאַכטן ים.
אָ, שטאַרקט דאָס פאָלק, בלאָזט אויף די פלאַם;
טרייסט מיין פאָלק, עס דאַרף די טרייסט.

עס שטייט — אַן אייזן פעסטע וואַנט!
אין וויסטן ווילד־פאַרקאַכטן ים.
אָ, שטאַרקט דאָס פאָלק, בלאָזט אויף די פלאַם;
טרייסט מיין פאָלק, עס דאַרף די טרייסט.